STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04879

FASHIZM IBER KANADE

Fred Rose

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אַריינפיר צו דער אידישער אויסגאַבע

זינט דער דערשיינונג פון אָט דעם פּאמפלעט צום ערשטן מאָל, אין דער ענגלישער שפּראַך, זיינען פאָרגעקומען א צאָל פּאסירונגען, וועלכע ענדערן אף קיין פאל ניט די פּאסירונגען אין קאַנאַדע אין באַצוג צו דער פאשיסטישער געפאר. איך מיין דאָ די שפּאלטונג צווישן לאמבערט און ארקאן, דער באַשלוס פון דער פאשיסטישער קאָנווענשאָן צו ענדערן די סוואסטיקא אף אן אנדער עמבלעם פון דער פאשיסטישער פּארטיי, און די דיסקוסיעס אין פּעדעראלן פּארלאמענט וועגן דעם נאַצי־שפּיאָנאַזש און זייערע אנדערע אקטיוויטעטן אין קאנאדע.

די שפּאלטונג צווישן לאמבערט און ארקאן האָט באַוויזן נאָך קלאָרער ווי ווען ניט איז פריער, אז די פאשיסטן פּלאנירן פּאראט. מענטשן, וואָס זוכן צו מאַכן א פארשווערונג, ווילן האָבן אז וואָס ווייניקער פּערזאָנען זאָלן וויסן פון זייער פּארטעטערישער אקטיוויטעט. דאָס איז געווען די הויפּט־אורזאך פארוואָס ארקאן האָט פארשמעלערט די פירערשאפט פון דער פאשיסטישער פּארטיי בלויז צו זיך אליין און צו זיין שוואָגער, ה. קלעמענט. לאמבערט איז ארויסגעטראָטן קעגן דער דאָזיקער האנדלונג און האָט אָרגאניזירט אן אָפּאָזיציע גרופּע צו ארקאנ׳ען. און ער איז אויסגעשלאָסן געוואָרן פון דער פאשיסטישער פּארטיי.

נאָך א וויכטיקע געשעניש זינט דער צייט, וואָס איך האָב געשריבן אָט דעם פּאמפלעט, אין מערץ 1938, איז געווען די פאשיסטישע קאָנווענשאָן אין טאָראָנטאָ. דאָ האָט די קאַנאַדער באַפעלקערונג דעמאָנסטרירט נאָך קלאָרער ווי ווען עס איז פריער, אז זי איז קעגן דעם פאשיזם. דער קינגסטאָנער שטאָט קאָונסיל, וואו די קאָנווענשאָן האָט געזאָלט אָפּגעהאלטן ווערן, האָט אף אן אנטשיידענעם אופן געלאָזט וויסן די פאשיסטן, אז מען וויל זיי ניט האָבן אין יענער שטאָט. דער מאסן - סענטימענט קעגן אָפּהאלטן די פאשיסטישע קאָנווענשאָן אין קינגסטאָן קאָן אמבעסטן געמאָסטן ווערן דורך דעם פאקט, אז די האָטעל־אייגנטימער האָבן געלאָזט וויסן, אז זיי וועלן ניט פּארדינגען קיין איינעם פון זייערע האָלס, און אפילע ניט קיין וואוין־צימער צו די פאשיסטן.

דער פאקט, וואָס דער פאשיזם איז אזוי ניט פּאָפּולער אין קאנאדע, האָט געצוואונגען די פאשיסטן אראָפּצונעמען די סוואסטיקא אלס זייער עמבלעם. אָבער זיי נארן קיינעם ניט אָפּ מיט אָט דעם שריט. ארקאנ׳ס פּארטיי פארבלייבט נאָך אלץ די שפּיאָנאַזש־אגענטור פון היטלער׳ן און די שלאָג־בריגאדע פון די קאנאדער רעאקציאָנערן.

פאר די עטלעכע מאָנאטן זינט אָט דער פּאמפלעט איז געשריבן געוואָרן איז דערוויזן געוואָרן, אז אלץ וואָס אין אים איז געשריבן געוואָרן איז

אמת. אין פעדעראַלן פּאַרלאַמענט האָט אפילו אזא פּערזאָן ווי ר. ב. בענעט געדעדט קעגן דער נאַצי־געפאַר אין קאַנאַדע. עס איז אָבער צום באַדויערן די טאָלעראַנץ, וואָס די פעדעראַלע רעגירונג האָט אַרויסגעוויזן צו די פאַשיסטי־שע שפּיאָנען. אָבער דער אויסדרוק פון באַדויערן איז ניט גענוג. עס איז נויטיק א ברייטער אנטי־פאַשיסטישער פראָנט בא אונז אין לאַנד. בלויז מאַסן־אַקציעס וועלן צווינגען די פעדעראַלע רעגירונג צו האַנדלען אין דער ריכטונג פון באַקעמפן דעם פאַשיזם אין קאַנאַדע.

די אידישע באַפעלקערונג בא אונז אין לאַנד מוז איבערהויפּט פּאַרייניקן אַלע כוחות קעגן דעם פאַשיזם און אנטיסעמיטיזם. די אינפעריאָריטעט־טעאָריע, וואָס ווערט געפּריידיקט פון געוויסע פּערזאָנען, אַז „מיר אידן טאָרן ניט זיין אַקטיוו" — איז געפערלעך. מיר זיינען גלייכע בירגער פון קאַנאַדע; מיט רעכט פאָדערן מיר די פאַרטיידיקונג פון אונזערע רעכט; מיר ווילן ראַטעווען די דעמאָקראַטיע אין קאַנאַדע אין די אינטערעסן פונם גאַנצן לאַנד און אויך כדי צו פאַרזיכערן די אידישע מאַסן קעגן דעם גורל פון אונזערע דייטשישע און עסטרייכישע ברידער, און דעריבער מוזן מיר האַנדלען מוטיק. שוואַכמוטיקייט, נאַכלעסיקייט און אומאייניקייט זיינען פאַר אונז געפערלעך. לאָמיר ניט וואַרטן; לאָמיר שוין איצט האַנדלען!

פ. ראָז

עטלעכע באַמערקונגען פון דעם איבערזעצער

צום ערשטן מאָל אין קאַנאַדע איז אין איין קליין ביכל צונויפגענומען געוואָרן די גרויסע מאַסע פאַקטן פון דאָקומענטאַלע באַווייזן וועגן דער פאַרעטערישער אַרבעט פון די פאַרשיידענע פאַשיסטישע אַגענטורן אין אונזער לאַנד. די פאַרשווערונגען פון היטלער'ס און מוסאָליני'ס אַגענטן אין קאַנאַדע, די מעטאָדן פון זייער אַרבעט, די קוואַלן פון וועלכע זיי קריגן שטיצע און דערמוטיקונג, זיינען אין דעם ביכל אויפגעדעקט מיט אַזוי פיל קלאָרקייט און איבערצייגונג, אַז יעדער איינער, וואָס וועט דאָס ביכל לייענען וועט איינזען די גרויסע געפאַרן, וואָס באַדראָען דער קאַנאַדער דעמאָקראַטיע און דער פרייהייט־ליבנדיקער באַפעלקערונג אין לאַנד.

דאָס ביכל איז א וואָרנונג צו אַלע אַרבעטער, צו אַלע האַרעפאַשניקעס, צו אַלע מיטלשטאַנד מענטשן אין קאַנאַדע, אַז אויב זיי ווילן נישט דורכמאַכן די בלוטיקע דערפאַרונגען פון די איטאַליענישע, דייטשע און איצט עסטרייכישע מאַסן, אויב זיי ווילן פאַרבלייבן פריי און פאַרהיטן דאָס ביסל פרייהייט, וואָס די איצטיקע קאַנאַדער דעמאָקראַטיע גיט זיי, אויב זיי ווילן האָבן די מעגלעכקייטן אויסצוברייטערן אָט־די דעמאָקראַטיע, אויסקעמפן א גרעסערע מאָס עקאָנאָמישע זיכערקייט, באַפעסטיקן די פריינטשאַפט צווישן פעלקער און פאַרהיטן דעם שלום אויף דער וועלט — דאַרפן זיי שוין איצט

נעמען די נויטיקע שריט צו אָפּשטעלן דעם ווייטערדיקן וואוקס פון פאַשיזם ביי אונז אין לאַנד.

דאָס ביכל איז א רוף צו פאַרייניקטער אקציע פון אַלע דעמאָקראַ־טישע כוחות אין לאַנד, א רוף פון אַנטי־פאַשיסטישער מאַסן־אַקציע. באַזונ־דערס וויכטיק איז דער רוף פאַר די אידישע מאַסן, וועלכע זיינען פון די ער־שטע קרבנות פון פאַשיזם. דער „קאַמף"־פאַרלאַג, אַרויסגעבנדיק דאָס ביכל אין אידיש (איבערזעצט פון ענגליש) האָט באַוויזן צו מאַכן א וויכטיקן בייטראָג צו דעם קאַמף קעגן פאַשיזם און אנטיסעמיטיזם, צו דער גרויסער אָנשטרייַנגונג, וואָס עס מאַכט די אַרבעטער באַוועגונג אויפצוקלערן די מאַ־סן אין קאַנאַדע וועגן דער פאַשיסטישער געפאַר פאַר דער קאַנאַדער און וועלט דעמאָקראַטיע, שטאַרקן זייערע כוחות, פאַרייניקן זייערע רייען און צעשמע־טערן די פינצטערע פּלענער פון דעם נאַציזם און פאַשיזם אין אונזער לאַנד.

פרעד ראָוז איז אַן אויטאָריטעט אין פראַגן פון באַקעמפן דעם פאַ־שיזם. צו קענען דעם שונא, צו וויסן זיינע פּלענער און זיינע אייגנשאַפטן, זיין כוח און זיינע שוואַכקייטן, מיינט באַזיצן א וויכטיקן פאָרבאַדינג פאַר דעם זיג איבער אים. פרעד ראָוז האָט אויפגעטאָן א גרויסע זאַך. ער האָט אונז מיט דעם ביכל באַקאַנט געמאַכט מיט דעם שונא אונזערן, מיט זיינע הינטערוועגן, מיט זיינע פּלענער און צילן אין קאַנאַדע. א וויכטיקע אַרבעט, וואָס קאָן בלויז באַגריסט ווערן.

ה. גוראַלניק.

קאפיטל איינס

די פאשיסטישע נעץ

די פאשיסטישע נעץ שפרייט זיך אויס איבער דער לענג און ברייט פון קאנאדע. צוליב דער פארשיידנקייט פון די פירער פון די באזונדערע אָרגאניזאציעס איז מעגלעך, אז עס זאָל פאַרטושט ווערן די וועזנטלעכע איינ־שטימיקייט, מיט וועלכער די פארשיידנארטיקע פאשיסטישע גרופן אין אונ־זער דאָמיניאָן פירן אָן זייער אקטיוויטעט. אָבער זייערע מעטאָדן פון ארבעט זיינען ענלעך, זייער פראָפאגאנדע — אנטי־דעמאָקראטיש, אנטיסעמיטיש און פראָ־פאשיסטיש.

די צוויי הויפט־פרעמדע גרופן זיינען, פארשטייט זיך, די איטאליע־נישע און דייטשע באוועגונגען. די ערשטע ווערט געפירט פון די פאשיסטן, וועלכע זיינען פארבונדן מיט רוים, און די צווייטע — פון דעם „דויטשע בונד", וואָס ווערט אָנגעפירט פון בערלין.

די גרעסטע „היימישע" באוועגונג איז אין דער פראָווינץ קוויבעק און ווערט געפירט פון דעם נאצי־אגענט אדריען ארקאן. זיין פארטיי רופט זיך — די נאַציאָנאל־סאָציאלע קריסטלעכע פארטיי פון קאנאדע. די פאשיסטישע אָרגאניזאציעס אין אָנטעריאָ און מערב־קאנאדע באנוצן דעם נאָמען קאַ־נאדער נאציאָנאליסטישע פארטיי. אדריען ארקאן איז דער הויפט־שעף איבער אלע „היימישע" פאשיסטישע גרופן. די אָנגענומענע עמבלעם פון דער פארטיי איז די נאצי־סוואסטיקא.

זיי רופן זיך „נאציאָנאליסטיש". זיי האָבן זיך דאָס אָפגעלערנט פון היטלערן, וועלכער האָט צו זיין באוועגונג צוגעטשעפעט די ווערטער „נאַ־ציאָנאל" און „סאָציאליסטיש". עס איז א גוטער נאָמען, הינטער וועלכן צו באהאלטן זייער פארעטערישקייט קעגן די קאנאדער פאָלקס־מאסן. די פאשיסטישע פירער וועבן א פארשווערונג צו פארניכטן די דעמאָקראטישע אינסטיטוציעס, וועלכע מאכן מעגלעך פאר די מאסן צו פארטיידיקן זייערע אינטערעסן קעגן די גיריקע מולטי־מיליאָנערן. זיי קאָנספירירן צו דערמעג־לעכן פאר די דייטשע, איטאליענישע און יאפאנעזישע מלחמה־צינדער צו באנוצן זיך פריי מיט די נאטירלעכע רייכטימער פון אונזער לאנד. זיי פאר־קויפן די סודות פון די קאנאדער שוץ־מיטלען צו די פאשיסטישע מלוכות. און אלס קרוינונג צו זייער פארעטערישקייט, שטעלן זיי זיך קעגן דעם אויפבוי פון שוץ־פארטיפיקאציעס בא אונזערע ים־ברעגן, בכדי זיי (די ים־ברעגן פון קאנאדע) זאָלן זיין אָפן פאר די פאשיסטישע אָנגרייפער, און זיי האָבן נאָך די חוצפה צו רופן זיך נאציאָנאליסטיש!

ארקאן — נאצי־אגענט

באלד פון איר גרינדונג אָן איז ארקאנ'ס פארטיי געווען פארבונדן מיט נאצי־דייטשלאנד. נאָך מיט א פינף יאָר צוריק, אין סעפטעמבער 28־טן,

1933 האָט ארקאַן געשריבן א בריוו צו מאיאָר פרענק פּיז, וועלכער איז צו יענער צייט געווען אן אגענט פון דער נאַצי־באַוועגונג אין די שטאַטן און האָט א שטיק צייט פאַרבראַכט מיט זיינע פירער אין דייטשלאַנד. צווישן אַנדערע אינטערעסאַנטע אינסטרוקציעס האָט ארקאַן געשריבן דאָס פאָלגנדיקע:

„באַמי זיך און זע מיין גוטן פריינט קורט ג. וו. לודעקע, קייזערהאָף האָטעל, בערלין. ער איז א פריינט פון היטלער׳ן. מיין גרוס צו לודעקע׳ן און דער מאַדאַם.

„מען קאָן אונז אין די פאָלגנדיקע צייטונגען: פאָלקישער בעאָבאַכטער, מוניך; דער שטורמער, נירנבערג; האַקענקרייץ, פון ה. פודאָר, לייפּציג־קאָנעוויץ; האַמער־פאַרלאַג פון י. מאַנעקע, לייפּציג; פלאַמענצייכן פון דר. מילער קאַלוו. אנדערע פריינט: פרעד ג. גרונדמאַן, פּיערזאָן־ריינלאַנד, נויענשטראַסע 1; ווילהעלם וואַזעמייער, בערלין, אַגוסטשטראַסע 77-78.

„אויב עס זאָל דיר העלפן, קענסטו אויך זיין דער קאָרעספּאָנדענט פון „לע פאַטריאָט", וועלכע איז באַוואוסט צו היטלער׳ן און וועלכע ווערט זייער שטאַרק געשעצט פון דער נאַציִשע פּראָפּאַגאַנדע ביוראָ. אויב נויטיק, נוץ דעם בריוו. פאַרגעס נישט צו דערגרייכן לודעקע׳ן, א זייער געשעצטער פריינט, וועלכער איז איייניקע יאָר געווען אין די פאַראייניקטע שטאַטן. איך האָב גרויס גלויבן אין אים.

„ווינטשנדיק דיר דעם בעסטן גליק און מיט אויפריכטיקער פאַרטרויליכקייט אין דיין מוט און צוקונפט, בין איך

„דיין איבערגעגעבענער אין אונזער גרויסער ארישער זאַך

„אדריען ארקאן".

מיר דאַרפן גאָר נישט נעמען ארקאַנ׳ס אייגענע באַהויפּטונגען ווי א באַווייז פאַר זיינע פאַרבינדונגען מיט די נאַצים אין דייטשלאַנד. קורט לודעקע — א נאָענטער פריינט פון היטלער׳ן, וואָס ארקאַן האָט געוואָלט אז מאיאָר פּיז זאָל אים זען — איז אין איין צייט געווען דער הויפּט נאַצי־אגענט אויף דעם צפון־אמעריקאַנישן קאָנטינענט. ער האָט עס געהאַט די אויפזיכט איבער אלע נאַצי־אַקטיוויטעטן אין מעקסיקאָ, אין די פאַראייניקטע שטאַטן און אין קאַנאַדע. אָבער ווען עס איז פאָרגעקומען די באַרימטע נאַצי־רייניקונג פון יוני 30־טן, 1934, און הונדערטער נאַציִשע קלענערע און גרעסערע פירער זיינען דורך היטלער׳ן דערמאָרדעט געוואָרן, איז אים, לודעקע׳ן, וועלכער האָט שוין דאַן געהאַט פאַרבראַכט אין דייטשלאַנד עטלעכע חדשים, געלונגען צו אַנטלויפן. זינט דאַן האָט ער, לודעקע, אָנגעשריבן א בוך וועגן זיינע דערפאַרונגען אין דער נאַצי־באַוועגונג.

לודעקע׳ס בוך, אונטערן נאָמען — „איך האָב געקאָנט היטלער׳ן" האָט געקראָגן א בריטן פאַרשפּרייט אין די פאַראייניקטע שטאַטן, טאָקע צוליב דעם, וואָס ער איז געווען אינטים באַקאַנט מיט היטלער׳ן.

אָבער וואָס מיר זיינען פאַראינטערעסירט איז אין לודעקע׳ס באַמער־

קונגען וועגן ארקאנ׳ען. אויף זייט 541 טרעפן מיר אזא שטעלע: — „מיר זיינען געווען אין א גליקלעכער שטימונג, ווען מיר זיינען געפאָרן אין מאָנטר רעאָל צו האלטן אונזער באגעגעניש מיט אדריען ארקאן, דער פייערדיקער פירער פון דעם „פאטריאָטישן אָרדן פון די גאַנגלוס". דער „אָרדן" איז געווען הויפטזאכלעך א ווילד־אנטיסעמיטישע, קאטוילישע - פאַלקיסטישע באוועגונג, וועלכע איז צו יענער צייט שנעל געוואַקסן אין דער פראנצויזישער קאנאדע, מיט דריי צייטונגען, אלע זייער דעמאגאָגיש און געשיקט.

„ער (ארקאן) איז געווען זייער צופרידן, ווען איך האָב אים געגעבן אן אויטאָגראפירטן בילד פון היטלער׳ן. מיר האָבן זיך גאנץ גוט פארשטא־נען איינע די אנדערע און איינגעשטימט צו קאָאָפערירן אויף יעדן אופן.

„ווען איך האָב באשטימט א צאָל פאָרשטייער צו דינען אלס קאָנ־טאקט־מענטשן און צו באזאָרגן מיך מיט מאטעריאל, האָבן מיר, מילדרעד און איך, פאַרגעזעצט אונזער רייזע ביים טייך טשאמפלעין".

אָט־די אומבאשטרייטבארע פאקטן באווייזן, אז ארקאן איז געווען איינער פון דער צאָל „פאָרשטייער", וועמען לודעקע האָט באשטימט אלס אן אגענט פון היטלער׳ן.

שרייבנדיק אין „ען אוואנט", א וואָכנבלאט, געדרוקט אין סט. היי־סינט, קוויבעק, זאָגט מר. דאמיען בושאר, א פירער פון דער ליבעראלער פארטיי: „מיר האָבן באוויזן, אז הער ארקאן, דער קוויבעקער „פירער", וואָס איז געפאָרן קיין ניו יאָרק צוזאמען מיט זיבן פון זיינע ארויסהעלפער, איז אין דירעקטער פארבינדונג מיט דער אלוועלטלעכער פאשיסטישער באוועגונג, וועלכע פריידיקט מלחמה און רעוואָלוציע אין אלע לענדער, וואו זי האָט אן אָנהאלט... אין די באראטונגען, וואָס זיינען פאָרגעקומען פאר דעם מי־טינג (פאשיסטישער מיטינג אין היפּאָדרום, ניו יאָרק) קענען מיר אָנעמען, אז מען האָט געגעבן דירעקטיוון צו די דאָזיקע פאשיסטישע טשיפס. ווער האָט געגעבן די דאָזיקע דירעקטיוון? אזוי ווי די גרעסטע גרופע אָנוועזנדע איז באשטאנען פון דייטשן, קענען מיר אָנעמען פאר זיכער, אז די אינסטרוק־ציעס זיינען געקומען פון די היטלעריסטן".

מיליטער־טיילן ווערן מושטירט

ארקאנ׳ס נאציאָנאל־סאָציאלע קריסטלעכע פארטיי, וואָס איר פינקט־לעכע מיטגלידערשאפט איז נישט באוואוסט, באריִמט זיך, אז זי וועט האָבן 20.000 מענטשן, אָרגאניזירט און אויסגעמושטירט צום זומער 1938. די דאָ־זיקע צאָל איז איבערגעטריבן. אָבער מיט דער דערמוטיקונג, וואָס ארקאן קריגט פון דופלעסי׳ן קאָן אים אפשר געלינגען צו רעקרוטירן א גרויסע צאָל יונגע מענטשן. ארקאן האָט בדעה אויפצובויען זיין אָרגאניזאציע אויף א מיליטערישן שטייגער מיט „סעקשאָנס", „בריגאדעס" און „דיוויזיעס". עס עקזיסטירט אויך א „מאָטאָריזירטע אָפּטיילונג", צו קענען שנעל אריבערפירן די שלאָגלער־בריגאדעס".

מעידזשאָר סקאָט, געוועזענער ארמיי־אָפיצער, איז דער הויפט פון

דער מיליטערישער אָפּטיילונג פון דער אָרגאַניזאַציע. דר. ג. לאַמבערט איז איינער פון אַרקאַנ׳ס הויפּט־ליטעגאַנטן. דזשיי. פּ. לעסאַר איז דער קאָמאַנ־דיר פון די „בלוי־העמדלעך״. י. קלעמענט, באַוואוסט אַלס רייכסטער אַקטי־ווער מיטגליד פון דער פּאַרטיי, איז דער סעקרעטאַר פון דער מזרח דיוויזיע אין מאָנטרעאָל. (זינט די בראָשור איז געשריבן געוואָרן זיינען שוין פאָר־געקומען „רייניקונגען״ און איבערשיכטונגען אינם דאָזיקן „גענעראַל־שטאַב״ — רעדאַקציע).

די פאַשיסטן פאַרשפּרייטן זייער גיפטיקע פּראָפּאַגאַנדע צווישן מיטגלידער פון דער קאַנאַדער אַרמיי. אַרקאַנ׳ס אַגענט דערקלערט צו איינעם פון דער מאָנטרעאַלער מיליציע אַ פּאַסקוויל פון די פאַשיסטן.

דר. לאַמבערט, וועמעס גאַראַדזש איז אָנגעפּילט מיט פאַשיסטישער ליטעראַטור, איז געווען דער מאַן, וואָס טראָגט די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר צונויפזאַמלען דעם גיפטיקן מאַטעריאַל, וואָס איז גענוצט געוואָרן אויף צונויפשטעלן דאָס ווילד־אַנטיסעמיטישע בלעטל „דער שליסל צו דער גע־היימניש״.

די דאָזיקע שוידערלעך־ווילדע ראסן־העצערישע סחורה איז ארויסגעגעבן געוואָרן סיי אין ענגליש און סיי אין פראנצויזיש, אין הונדערטער טויזנטער קאָפּיעס. עס איז געדרוקט געוואָרן אין מאָנטרעאָל דורך דער צייטונג „ל'איליוסטראסיאָן נאָוועל" — דער אומאָפיציעלער אָרגאַן פון פּרעמיער דופּלעסי. (אדריען ארקאן איז דער רעדאקטאָר פון דער צייטונג). דאָס ארויסגעבן דעם „שליסל צו דער געהיימניש" האָט געקאָסט אריבער צען טויזנט דאָלער. ווער האָט צוגעשטעלט דאָס געלט? דער נאצישער אָפיס פאר פּראָפּאגאנדע אין אויסלאנד האָט צוגעשטעלט כמעט 75 פּראָצענט פונם מאטעריאל אין דעם בלעטל.

די טעאָריע פון אריערזם

ארקאנ'ס פארטיי, ווי היטלער'ס, האָט אָנגענומען די טעאָריע פון אריעריזם. אָבער אונטער ארקאנ'ען האָט די טעאָריע געשטיגן צו נייע הויכקייטן פון דערפינדערישקייט. לויט ארקאנ'ס מיינונג געהערן צו די „אריער" אין אונזער דאָמיניאָן „די צוויי גרויסע ראסן וועלכע שטעלן הויפּטזאכלעך צונויף די קאנאדער באפעלקערונג און אנדערע אריער פון צווישן דער באפעלקערונג, וואָס וועלן צושטימען צו אידענטיפיצירן זיך מיט די צוויי ראסן".

די דאָזיקע טעאָריע פון אריעריזם איז א גלענצנדער ביישפּיל פון דער „לאָגיק" און „קלאָרקייט" פון ארקאנ'ס גאנצער פּראָגראם.

אויב היטלער קאָן אדאָפּטירן די יאפּאנעזער אין דער פאמיליע פון אריער פאר אן אָנגריף אויף די דעמאָקראטישע מלוכות פון דער וועלט, איז ארקאן גרייט ארויפצוקלעפּן דעם אריער־שטעמפּל אויף יעדן איינעם, וואָס איז וויליק צו שליסן מיט אים א בונד אין דער אטאקע אויף די דעמאָקראטישע רעכט פון דער קאנאדער באפעלקערונג.

קאָרפּאָראטיזם — די „לייזונג"

ארקאן פּריידיקט קאָרפּאָראטיזם ווי א לייזונג פאר די נויטן פון די מאסן. ער נעמט זיך גרויס מי צו אָנצייכענען א גאנצן פּלאן פון „פעדעראציעס", וואָס וועלן ארבעטן צוזאמען „פאר דעם וואוילזיין פון די פאָלקסמאסן". אָבער, זאָגט ארקאן: „עס מוז זיין איין מענטש, וואָס זאָל אויסדריקן די באשלוסן, וואָס די קאונסילס וועלן אָנעמען און ער זאָל טראָגן אין זיין פּערזאָן דעם שטעמפּל פון אָפיציעלער אויטאָריטעט" (אויסצוג פון א רעדע, געהאלטן פאר א גרופּע מעקגיל־סטודענטן, אונטער דער אויפזיכט פון דער סטודענטישער קריסטלעכער באוועגונג, מאי 25, 1936).

זיין פּלאן וועגן „קאונסילס" איז געצילט צו מאכן קאָרפּאָראטיזם מער באַ'טעמ'ט פאר דעם געשמאק פון די קאנאדער. ער רעדט וועגן ארבעטערפאָרשטייערשאפט אין די קאונסילס, אָבער ער פארגעסט צו דערמאָנען, אז טרייד יוניאָניזם איז אומגעזעצלעך אונטערן פאשיזם. ער „פארגעסט" אויך צו דערציילן, אז שכירות וועלן באלד געשניטן, ארבעטער וועלן אריבערגעשיקט פון איין פּלאץ אויפן צווייטן לויט די אָרדערס פון די הויכע אָפיצער

העכסטע קאונסילס און אז „לייבאָר קעמפּס" ווערן א נאַציאָנאַלע אינסטי־טוציע.

ארקאן רעדט נישט, פארשטייט זיך, וועגן דעם. ער נוצט בעסער הויך קלינגענדיקע פראזן פון „קאָרפּאָראטיזם", ווי א מיטל צו פארבלענדן די אויגן פון די קאנאדער פאָלקס־מאסן און זיי מאכן גלויבן, אז ער רעדט וועגן קאָ־אָפּעראציע.

● רעליגיע אלס א צודעק

אין אנדער טאקטיק ארקאנ׳ס איז צו פּאָזירן אלס א פארטיידיקער פון קריסטנטום. ער אטאקירט די פריי־מויערער מיט א ביטערקייט, וואָס האָט איר גלייכן בלויז אין זיין ווילדעווען קעגן די אידן. אָבער ארקאן איז אסך יאָרן געווען א מיטגליד פון די „ראָז קרוא" — איינע פון די העכסטע שטופּן פון פריי־מויעריי! און זיין „טייערער פריינט" דר. לאמבערט איז אלעמאָל גע־ווען אן אויסגעשפּראָכענער אטעאיסט!

וואָס שייך דעם „קריסטלעכן" כאראקטער פון דער פאשיסטישער פּראָגראם, וואָלט נישט געווען אויסער פּלאץ באלד דאָ צו געבן אן אויסצוג פון דעם קאטוילישן וואָכנבלאט „קאָמאָנגוועיל" און דעם אויסצוג פארגלייכן מיט ארקאנ׳ס פּרעטענציעס אלס א פארטיידיקער פון קריסטנטום פון איין זייט און א ווילדער אידן־פרעסער פון דער צווייטער זייט. די „קאָמאָנוועיל" דערקלערט:

„די אמת׳ע פּראָבלעם וואָס אנטיסעמיטיזם רוקט ארויס דארף שטארק באזאָרגן אלע קריסטן, וואָרים ווען אמת און גערעכטיקייט ווערן באַשימפּט, איז דאָס לעבן פון אונזער אייגענעם גלויבן ערנסט באדראָעט. ספּעציעלע דיסקרימינירנדיקע מיטלען קעגן אידן אין וועלכן ניט איז טייל פון דער וועלט זיינען געווענדעט קעגן אונז (קאטאָליקן), ווייל זיי באצוועקן בלויז פארשווערונג און פארניכטונג".

דורך זייערע נאָענטע פארבינדונגען מיט געוויסע שיכטן פון דעם קוויבעקער קאטוילישן קירכענטום פארשפּרייטן די פאשיסטן דעם געדאנק צווישן די פאָלקס־מאסן אין קוויבעק, אז דעמאָקראטיע און רעליגיע פּאָרן זיך ניט, אז זיי באקעמפן איינע די אנדערע. לויט דעם שכל פון די פאשיס־טן קומט אויס, אז בלויז די אונטערדריקונג פון דעמאָקראטיע וועט פארזי־כערן פרייהייט פון רעליגיע און די עקזיסטענץ פון דער קאטוילישער קירך. אָט־דער ארגומענט איז צו לעכערלעך, אז מען זאָל אים נעמען ערנסט.

דעם אנטי־קריסטלעכן כאראקטער פון ארקאנ׳ס פּארטיי קען מען קלאָר זען אין דעם, וואָס זיין אָרגאניזאציע האָט פארפעלט צו פארדאמען היטלער׳ס פארפאָלגונגען אויף קאטאָליקן און פּראָטעסטאנטן, היטלער׳ס פארשלינגען און פארגוואלטיקן דאָס קאטוילישע עסטרייך, אָדער די שחיטות איבער צענדליקער טויזנטער באסקישע און שפּאנישע קאטאָליקן, וואָס היטלער׳ס און מוסאָליני׳ס עראָפּלאנען און לופט־פליער האָבן דורכגעפירט. פּארקערט, נאָך דעם, וואָס די פראנצויזישע און ענגלישע רעגירונגען האָבן

אפעלירט צום פויפסט ער זאל זיך אריינמישן לטובת דעם שפאנישן פאלק און אפשטעלן די באמבארדירונג פון דער ציווילער באפעלקערונג און נאך דעם וואס דער סעקרעטארי אוו סטייט, קארדעל האל האט דערקלערט, אז „באריכטן פון בארצעלאנע לאזן נישט איבער קיין שום צווייפל וועגן דעם שרעקלעכן פארלוסט פון לעבנס צווישן די ציווילע מענער, פרויען און קינדער, אלס רעזולטאט פון די לעצטע לופט־איבערפאלן" — נאך אט־דעם אלעם האט ארקאן אויף אזא סאדיסטישן שטייגער געשריבן אין דער „ל'אילוסטראסיאן נאוועל" פון מערץ 19־טן, 1938: „בארצעלאנע איז א באפעסטיקטע שטאט, מיט מיליטערישע און ים־פארטיפיקאציעס, פייאיק צו פארטיידיקן זיך, און דעריבער, לויט די געזעצן פון קריג, קען זי באמבארדירט ווערן". ארקאן, פונקט ווי היטלער, ווייסט בלויז די געזעצן פון קריג, ווייסט גארנישט פון די געזעצן פון מענטשלעכקייט, און דעריבער קען ער בארעכטיקן די ערגסטע שחיטות.

אמת'ע קאטאליקן זיינען פונקט אזוי אויפריכטיק אין זייערע אידעאלן בנוגע דעמאקראטיע און פרייהייט, ווי זיי זיינען בנוגע זייער קירך. אייניקע קלוימערשטע קאטאליקן, פון קוויבעק וואלט נישט געשאדט, צום ביישפיל, צו שטודירן די דערקלערונג פון קארדינאל ווערדיע פון פראנקרייך איבער דער פראגע פון פרייהייט. ער האט געזאגט: „איבער אלץ, היט אט די ווירדע פון דעם מענטשן און זיין בארעכטיקטע פרייהייט. קורץ, די קירך שטעלט אוועק דעם מענטשן איבער דער פאליטישער ארדנונג. זיי קיינמאל נישט מקריב צו נייע אידעאלאגיעס די איבער־וויכטיקייט פונם מענטשן. פארגעסט נישט, אז דער יחיד, די אינסטיטוציע און די מלוכה מוזן אלעמאל פארבלייבן די דינער פון פרייהייט". ווי אנדערש די דאזיקע באמערקונגען זיינען פון דער בלוט־און־שווערד שפראך פון ארקאן אלס א פארטיידיקער פון קריסטנטום.

קאפיטל צוויי

● די „לאטיינישע" באוועגונג

אן אנדער אספיראטאר צום טראן פון פאשיזם אין קוויבעק איז פאול בושאר, דער הויפט פון דער אויטאנאמיסטישער פארטיי און רעדאקטאר פון דעם וואכנבלאט „לא נאסיאן". מר. בושאר דארף זיין פון באזונדערן אינטערעס פאר אונזערע פריינט אין די פאראייניקטע שטאטן, ווארים זיין פראגראם וויל האבן א „פרייע פראנצויזישע מלוכה אין אמעריקע". ער וויל נישט אנדערש ווי אנשליסן אין זיין קארפאראטיוון שטאט די פראנצויזן, וואס שטאמען פון די אמאליקע קאנאדער פראנצויזן, וועלכע האבן אויסגעוואנדערט און זיך באזעצט אין די ניי־ענגלאנד שטאטן. צוגעבנדיק די דא־

זיקע „אוראייניקלעך" פון די ניי־ענגלאנד שטאטן צו דער פראנצויזיש־קאַנאדישער באפעלקערונג אין קוויבעק און אָנטעריאָ, טרוימט בושאר וועגן א פראנצויזיש – פאשיסטישער מלוכה פון קארגע זעקס מיליאָן נפשות אויף דעם צפון־אמעריקאנישן קאָנטינענט.

בושאר איז א „ראָדעס סקאָלאר". בעת ער איז געווען אין איירא־פּע האָט ער פארבראכט א לענגערע צייט אין איטאליע און איז אויך געקו־מען אין בארירונג מיט פאשיסטישע עלעמענטן אין שפאניע. אויך ער פריי־דיקט קאָרפּאָראטיזם ווי א „לייזונג".

יעדער קאנאדער וואָלט געמעגט דורכקוקן בושאר'ס אויטאָנאָמיסטי־שע פּראָפּאגאנדע און זי פארגלייכן מיט די דערקלערונגען, וואָס עס מאכט פּרעמיער דופּלעסי. בושאר זאָגט ער איז פאר „אויטאָנאָמיע". אזוי זאָגט אויך דופּלעסי. בושאר באקעמפט יעדן פאָרגעשלאָגענעם אמענדמענט צו דער קאַ־נאדער קאָנסטיטוציע מיטן אויסרייד, אז עס איז עובר אויף פּראָווינציע־לער אויטאָנאָמיע. אזוי זאָגט אויך דופּלעסי.

אמענדמענטס צו דעם בריטיש נאָרט אמעריקא אקט (קאנאדער קאָנ־סטיטוציע) וואָלטן געמאכט מעגלעך פאר דער פעדעראלער רעגירונג איינצו־פירן סאָציאלע געזעצגעבונג, אין וועלכער עס נויטיקן זיך אזוי שטארק די הארעפּאשנע איינוואוינער פון קוויבעק. אָבער סט. דזשיימס סטריט (די באנ־קירן) און איר פאָרשטייער דופּלעסי זיינען נאטירלעך קעגן אזעלכע אמענד־מענטס. אזוי איז אויך בושאר. דאָס אלץ וועגן דער אויפריכטיקייט פון אן אנדער פאשיסטישן פירער, וועלכער רעדט וועגן דעם „וואוילזיין" פון די פראנצויזיש־קאנאדישע מאסן.

בעת ארקאן איז פארבונדן מיט דער דייטשער נאצי – באוועגונג קריגט בושאר זיין אינספּיראציע פון איטאליע. ער האנדלט ווי דער איטאַ־ליענישער אגענט אין קוויבעק. איר איבערצייגט זיך אין דעם, ווען איר כאפּט א בליק אויף זיין וואָכנבלאט „לא נאסיאָן" אָנגעפילט מיט לויב־געזאנגען פאר איטאליע. כאָטש עס איז געווען שווער צו גלאָריפיצירן פאשיזם בשעת דער מלחמה אין עטיאָפּיע, האָט בושאר אָנגעפירט א שטארקע קאמפּאניע צו איבערצייגן די איינוואוינער פון קוויבעק, אז מוסאָליני'ס שחיטות פון שוצלאָזע עטיאָפּיער זיינען געווען א פארזוך צו ברענגען די „ברכות פון ציוויליזאציע" צו די „בארבארישע" עטיאָפּיער.

בושאר איז דער סאמע שרייענדיקער קעגנער פון קאנאדער שוץ־פּלענער. ער דערקלערט עס אויפן פאָלגנדיקן שטייגער: „ווען מיר וועלן אָנ־פירן א מלחמה קעגן יאפּאן. איטאליע, אָדער דייטשלאנד, וועט עס זיין נישט דערפאר, וואָס די דאָזיקע לענדער אטאקירן קאנאדע, נאָר דערפאר, וואָס ענגלאנד האָט אָנגעהויבן א מלחמה קעגן די דאָזיקע לענדער בכדי צו שטערן זייער קאָמערציעלע קאָלאָניאלע אויסשפּרייטונג" (עדיטאָריעל, לא נאסיאָן, יאנואר 13, 1938).

מיט אנדערע ווערטער — בושאר'ס מיינונג איז, אז נישט יאפּאן, דייַ־טשלאנד און איטאליע זיינען די קריג־פירער און קריג־צינדער, נאָר קאַנאַ־

דע, וועלכע באוואפנט זיך צו קענען אטאקירן אַדי לענדער!

אונטערן אויסרייד פון „קאָלאָניאַלער אויסשפרייטונג” זיינען אונזע־רע „היימישע” פאשיסטן גאנץ צופרידן צו דערלויבן באָמבארדירן שטעט אין שפאניע און כינע, איינשלינגען עסטרייך, טשעכאָסלאָוואקיע און אנדע־רע לענדער.

פאול בושאר איז געווען דער איינציקער קאנדידאט קעגן דזש. ג. פראנקאָר, (ליבעראל), אין די לאָטביניער ביי־וואלן, דעצעמבער 27־טן 1937. מענטשן וואָס האָבן א נייגונג צו אוועקמאכן די בושארס און ארקאנס מיט דער האנט אלס אומשולדיקע משוגעים, זאָלן געדיינקען, אז בושאר, וועל־כער האָט אָנגעפירט אן ענערגישע וואל־קאמפאניע קלוימערשט „פאר שלום”, האָט געצויגן אריבער 5 טויזנט שטימען. ער איז דורכגעפאלן. עס איז אָבער געווען דאָס ערשטע מאָל וואָס ער איז געווען א קאנדידאט. ער האָט נישט דערמאָנט איטאליע אין זיין וואל־קאמפאניע. ער האָט בלויז גערעדט וועגן זיין „ליבע פאר שלום” און „קעגנערשאפט צו מלחמה”. דאָס איז די טאקטיק, וואָס אויסלענדישע אגענטן נוצן אין אונזער לאנד!

דער ליבעראלער קאנדידאט, מר. פראנקאָר האָט באשולדיקט בו־שאר'ן אין קריגן געלט־שטיצע פון א פרעמדער מלוכה, נישט אָנרופנדיק די מלוכה ביים נאָמען. דער פעדעראלער יוסטיץ־מיניסטער, ערנעסט לאפאָינט האָט אָנגעפירט מיט דער קאמפאניע אין לאָטביניע און עס שיינט צו זיין זיכער, אז מר. פראנקאָר האָט זיינע באהויפטונגען געשטיצט אויף אינפאָר־מאציע פון מר. לאפאָינט.

● א פאשיסטישע ארמיי אין קאנאדע

בושאר שטעלט זיך ארויס אלס א שטארקער אנטי־מיליטאריסט, וואָ־רים ער ווייסט, אז די מאסן אין קוויבעק זיינען קעגן מלחמה. אין דער ווירקלעכקייט קומט אָבער אויס, אז זיין קעגנערשאפט צו באפעסטיקן די קאנאדער ים־ברעגן פאלט צונויף מיט דעם וואונטש פון די פאשיסטישע מלוכות צו האָבן אין קאנאדע אומבאשיצטע ים־ברעגן, וואָס זיי זאָלן קענען באפאלן און איינעמען מיט זייערע שנעל־וואקסנדיקע מיליטערישע קרעפטן.

בושאר וויל האָבן אן אומבאוואפנט פאָלק, בכדי זיין אייגענע פא־שיסטישע ארמיי, אין קאָאפעראציע מיט דער ארמיי פון ארקאנ'ען, זאָל קע־נען, ווען עס וועט זיך מאכן די געלעגנהייט, פארכאפן די מאכט. פארגעסט נאָר נישט בושאר'ס אנטי־מיליטאריסטישע רעדעס אין דער צייט פון די פע־דעראלע ביי־וואלן און דערביי טראכט זיך אריין אין די באהויפטונגען, וואָס דער זעלבער בושאר האָט געמאכט אין זיין רעדע, סעפטעמבער 29־טן, 1937 פאר דעם „פעריש סירקל פון סט. אלפאָנס ד'יוואוויל”. אין דער רעדע האָט בושאר געזאָגט: „אונזערע מענטשן? מיר מוזן זיי מיליטאריזירן. זיי נויטיקן זיך אין א געוויסער מיליטאריזאציע צו וויסן ווי אויפצופירן זיך. אויב ס'זאָל זיך אָנהויבן די שלאכט אין קאנאדע, ווער וועט אונז פארטיידיקט?

איך ווידערהאָל, א געוויסע מיליטאַריזאַציע פון דער יוגנט וואָלט נישט גע־ווען קיין שלעכטע זאך. איך טרוים וועגן דעם טאָג, ווען איך וועל זען יונגע פראנצויזישע קאנאדער, אין מיליטערישער אויסשטאַטונג, פאראדירן אין די גאסן פון מאָנטרעאָל און קוויבעק. אייניקע וועלן זאָגן, אז איך בין א פאַשיסט, אָבער דאָס אַרט מיך נישט".

אזוי הערט איר, פון זיין אייגן מויל קומט זיין אייגענע דעמאַסקי־רונג. און וועגן וועלכער שלאכט רעדט דאָס דער דאָזיקער פאַשיסטישער אגענט? די שלאכט אין וועלכער מיר פארטיידיקן אונזערע היימען קעגן א פאַשיסטישער אינוואזיע? די איינציקע שלאכט און די איינציקע ארמיי, וואָס בושאר און ארקאן און די אנדערע פאַשיסטישע אגענטן האָבן אינזינען — איז די שלאכט, אין וועלכער זייער פאַשיסטישע ארמיי וועט אטאקירן די דעמאָקראַטישע אינסטיטוציעס פון קאנאדע. די מיטגלידער פון דער פאַ־שיסטישער ארמיי וועלן צונויפשטעלן די שטורם־טרופן פון די רעאקציאָ־נערע פינאנסירן און זייערע דייטשע, איטאַליענישע און יאפּאנעזישע פאר־בינדעטע.

● אריעריזם און לאַטייניזם

„אריערישקייט" און „לאַטיינישקייט" זיינען צוויי טערמינען, וואָס זיינען אריינגעפּירט געוואָרן אין דער פּראָווינץ קוויבעק דורך די אגענטן פון היטלער'ן און מוסאָליני'ן.

ארקאן פרוואוט איינריידן די פראנצויזישע קאנאדער, וועלכע שטאַ־מען פון די נאָרמאַנס און ברעטאָנס, אז זיי זיינען אריער, און דער איטאַ־ליענישער אגענט פונס בושאר־טיפּ זאָגט זיי, אז זיי זיינען ריינע לאַטיינער. ווי לאַטיינער, ווערן זיי גערופן צו פארבינדן זיך מיט דעם איטאַליענישן און בראזיליער פאַשיזם און פארשטייט זיך, מיט פראנקאָ'ן און מיט זיינע „לאַטיינישע" מורס און „לאַטיינישע" דייטשן.

דער הויפּט־קוואַל פון דער טעאָריע פון „לאַטיינישקייט" פליסט ארויס פון דעם איטאַליעניש־פאַשיסטישן וואָכנבלאט „ל'איטאַליא נואָווא", וואָס ווערט ארויסגעגעבן אין מאָנטרעאָל. עס איז א 16־זייטיקע צייטונג מיט א זעקס־זייטיקער ספּעציעלער פראנצויזישער אָפּטיילונג אונטערן נאָמען: „לע קאנאדא לאַטין" (די לאַטיינישע קאנאדע). אין דער צייטונג זיינען אויך פאַ־ראַן צוויי זייטן אין ענגליש. ווילן זיי אפשר אויך די אנגלאָ־זאַקסן צורעכע־נען צו דער „גרויסער ראַסע פון לאַטיינער"?

די אָנפירער און אייגנטימער פון דער צייטונג „ל'איטאַליא נואָווא" איז דזשיוליאָ ראָמאנאָ. דער רעדאַקטאָר איז קאַמילאָ וועטערע, א מיטגליד פון דעם דירעקטאָריום פון די איטאַליענישע פאַשיסטן אין מאָנטרעאָל. דער פראנ־צויזישער רעדאַקטאָר איז סערזש ברוסאָ. די צייטונג ווערט פינאנסירט פון דער איטאַליענישער רעגירונג. מוסאָליני איז דער ווירקלעכער באַלעבאָס פון דער צייטונג און דער איטאַליענישער גענעראַל־קאָנסול אין קאנאדע איז זיין היגער געהילף. די צייטונג איז דער אָפיציעלער אָרגאַן פון די איטאַליענישע

פאשיסטן אין קאַנאַדע און ווערט אַרויסגעגעבן אין דער זעלבער געביידע אין מאָנטרעאַל, וואו עס געפינט זיך די קוואַרטיר פון דעם איטאַליענישן קאָנסולאַט.

איל דוטשע׳ס „קריסטלעכקייט״

ווען איר כאַפּט אַ קוק אויף „ל׳איטאַליאַ נואָוואַ״ דערמאָנט איר זיך אין זאַכן וואָס זיינען מערקווירדיק ענלעך. די שפּאַלטן פון דער צייטונג זיינען אַרומגערינגלט מיט אַ ראַם פון רעליגיע. יעדער פּערזאָן אָדער באַהויפּטונג, וואָס איז קעגן פאַשיזם ווערט כאַראַקטעריזירט מיט איין וואָרט — „קאָמוניסט״. קיין אַנדערע אַרגומענטן ווערן נישט אָנגעגעבן.

„אַנטי־באָלשעוויזם איז פאַרן קריסטנטום״ — באַהויפּטעט ״ל׳איטאַליאַ נואָוואַ״. אויף דער זעלבער זייט מיט דער אויפקלערערישער באַהויפּטונג דערשיינט אַן איבערבליק איבער וויטאָריאַ מוסאָליני׳ס בוך: „פליענדיק איבער די עטיאָפּיער בערג־קייטן״. דער בוך ווערט געלויבט אַלס „אַ פאָטאָגראַפיע פונם גייסט אָן שום ליטעראַרישן גיפט״. דער גייסט, וועגן וועלכן „ל׳איטאַליאַ נואָוואַ״ רעדט און וואָס די אַגענטן פון מוסאָליני׳ן וואָלטן זייער געוואָלט אַז קאַנאַדע זאָל אים אָננעמען, ווערט באַשריבן פון מוסאָליני׳ס זון־אַוויאַטאָר אינם פאָלגנדיקן פּאַראַגראַף:

„גוטער שפּאַס״

„מיר זיינען אָנגעפלויגן אויף זיי אומבאַמערקט און באַלד אַרונטערגעוואָרפן אונזער מאַסע אויפרייסנדיקע באָמבעס... איך געדיינק ווי איין גרופּע רייטער האָט מיר געגעבן דעם איינדרוק פון אַ פאַנאַנדערגעבליטער בלום, ווען די באָמבעס זיינען געפאַלן צווישן זיי. עס איז געווען אויסערגעוויינלעך־גוטער שפּאַס, ווייל מיר זיינען געפלויגן נישט צו הויך און עס איז געווען לייכט צו טרעפן אין זיי״.

קאָמענטירן איז איבעריק נאָך דעם, ווי עס איז אַזוי פּשוט איבערגעגעבן דער גייסט און דער „אויסערגעוויינלעך־גוטער שפּאַס״ פון דעם פאַשיזם. וויליאַם סי. בוליט, דער אַמעריקאַנער אַמבאַסאַדאָר צו פראַנקרייך, איז געוואָרן אַזוי אויפגעבראַכט, ווען ער האָט איבערגעלייענט דעם דאָזיקן שטעל אין וויטאָריאַ מוסאָליני׳ס בוך, אַז ער האָט באַמערקט וועגן מוסאָליני׳ס זינדל:

„עס דרייען זיך נאָך אַרום פּאַיאַצן, וואָס שרייבן וועגן זייערע פאַרגעניגנס פון דעם וואַוויליאָנגערישן ספּאָרט — אַרונטערוואַרפן באָמבעס אויף הילפלאָזע מענטשן. זייער צוריקער צום געזונטן פאַרשטאַנד וועט נאָך מסתמא פאַרשפּעטיקן אויף לאַנג״ (פּאַריז, יאַנואַר 22, 1938).

„געלערנטע״ אַגענטן

נאָכפאָלגנדיק אינם גייסט פון וויטאָריאַ מוסאָליני, איז מאַריאָ דו־ליאַני פון מאָנטרעאַל, איינער פון די פירנדיקע גייסטער פון דער „לאַטייניִשער באַוועגונג״ אין יענער שטאָט. ער איז עפּעס אַ שטיק געהיימניש. זיין

נאָמען איז איטאַליעניש, אָבער ער זאָגט, אז ער שטאמט פון פראַנקרייך. ער שרייבט פּיעסקעס (וואָס זיינע פּאַרערער באַצייכענען אלס „אומשעדלעכע שטיקלעך גאַרנישטן"). אָבער עס איז אים ווי ניט איז געלונגען באַשטימט צו ווערן אלס דער הויפט פונם פראַנצויזישן אָפּטייל פון דעם „מאָנטרעאַלער רעפּערטאָרי טעאַטער".

דוליאַני'ן קען מען אָפט הערן אין דער הויפּט־קוואַרטיר פון די איטאַליענישע פאַשיסטן אין מאָנטרעאָל, „קאסא ד'איטאַליא". מען זעט אים אָפט אין דער סביבה פונם איטאַליענישן קאָנסול, סינאָר דע סימאָן. דוליאַני שטרענגט זיך אָן צו זיין באַזונדערס באַפריינדעט מיט די אינטעלעקטועלע גרופּן פון די פראַנצויזישע קאַנאַדער.

אָבער, דאָס סאַמע אינטערעסאַנטע איז דער פאַקט, וואָס דוליאַני איז דער רעדאַקטאָר איבער אויסלענדישע ענינים אין דער צייטונג „ל'אילוסטראַסיאָן נאָוועל", דער אָרגאַן פון פּרעמיער דופּלעסי'ס „אוניאָן נאַסיאָנאַל". די „ל'אילוסטראַסיאָן נאָוועל", דאַרף מען נישט פאַרגעסן, ווערט רעדאַקטירט פון נישט קיין אַנדערן, ווי אַדריען אַרקאַן. די פאַרבינדונגען צווישן דער דופּלעסי־אַדמיניסטראַציע און די פאַשיסטן נעמען אָן מאָדנע פאָרמען.

אָט־די מאָדנע אייגנשאַפטן ווערן נאָך מאָדנער, ווען מען דערוויסט זיך דאָס פאָלגנדע:

דוליאַני קריגט נישט קיין געהאַלט פון דעם מאָנטרעאָלער רעפּערטאָרי טעאַטער. די „ל'אילוסטראַסיאָן נאָוועל" צאָלט אים דעם געוויינלעכן געהאַלט פון א צייטונגס־מענטש אין מאָנטרעאָל (גאַנץ נידעריק). דאָך איז ער אימשטאַנד אויסצוהאַלטן א גאַנצן אַפּאַרטמענט אין דעם קאָסטבאַרן ווינדזאָר האָטעל און אויסער דעם האָט ער נאָך זיין אייגענעם פּריוואַטן סעקרעטאַר.

די פאַשיסטן לייגן ספּעציעלן געוויכט אויף קולטיווירן די פּריינטשאַפט פון די פראַנצויזיש־קאַנאַדישע אינטעלעקטואַלן, צוליב דעם וואָס די לעצטע זיינען אין אינטימע באַציאונגען מיט פירנדיקע רעגירונג־באַאַמטע — פעדעראַלע, פּראָווינציעלע און מוניציפּאַלע.

אָט־די „קולטיווירונג" נעמט אָן אינטערעסאַנטע פאָרמען. אזוי זעען מיר, ווי דזשוליאָ ראָמאַנאָ, דער אייגנטימער פון „ל'אילוסטראַסיאָן נאָוועל", וועלכער מאַכט זיכער נישט קיין געלט פון זיין פאַשיסטיש בלעטל, באַט אָן פּרעמיעס פון $300, $150 און $50 צו יונגע פראַנצויזיש־קאַנאַדישע שרייבער, וואָס וועלן שרייבן ביכער אינם „לאַטייניש גייסט". אויף אזא אופן ווערן פּייאיקע און נויטבאַדערפטיקע יונגע שרייבער פאַרנאַרט צו פּראָסטיטואירן זייער פעדער אינם גייסט פון וויטאָריא מוסאָליני.

פון אָט־דעם קורצן איבערבליק האָבן מיר געזען, ווי אזוי איטאַליענישע און דייטשע אַגענטן באַנוצן די סאַמע כיטרע און אומערלעכע מעטאָדן צו אָפּנאַרן די פראַנצויזיש־קאַנאַדישע מאַסן אין דעם פאַרזוך צו מאַכן די פּראָווינץ קוויבעק פאַר א פעסטונג פון פאַשיזם אין קאַנאַדע. לאָמיר איצט אַריבערגיין צו די טיילן פון דער פאַשיסטישער באַוועגונג אין אָנטעריאָ און אין מערב־קאַנאַדע.

קאפיטל דריי

● די קאנאדער „נאציאָנאַליסטן״

אדריען ארקאן האָט עפנטלעך דערקלערט, אז דזשאָזעף פאר איז באַשטימט געוואָרן פאר דעם פירער פון די פאשיסטן אין אָנטעריאָ. אין דער זעלבער דערקלערונג איז אָנגעגעבן געוואָרן, אז וויליאם וויטאקער איז דער „פירער״ אין מערב־קאנאדע.

עס איז נאטירלעך אָנצונעמען, אז די אויפמערקזאמקייט פון די פאַשיסטן זאָל זיין געווענדעט צום מערב. בכדי צו זיין דערפאָלגרייך זוכן די פאשיסטן צו אנטוויקלען זייער באוועגונג אין אָנטעריאָ און אין מערב־קאנאדע.

קאנאדער, וואָס גלויבן, אז פאשיזם אין קאנאדע איז א „פראנצויזיש־קאנאדישע דערשיינונג״, מאכן דעם זעלבן טעות, וואָס מענטשן האָבן אמאָל געמאכט בנוגע איטאליע. אייניקע געזעלשאפטלעכע פירער אונזערע, וואָס האָבן ליב צו באהאלטן זייער קאָפּ אין זאמד און זיך מאכן נישט זעענדיק, האָבן באצייכנט דעם פאשיזם פון אָנהויב אלס אן איטאַליעניש̈ע דערשיינונג, דערנאָך אלס א דייטשע דערשיינונג און שפּעטער אלס אן עסטרייכישע, בראזילישע און אזוי ווייטער. איצט וויל מען אוועקמאכן מיט דער האַנט דעם פאשיזם, אלס א „פראנצויזיש־קאנאדישע״ דערשיינונג! עס איז אמת, אז די גרעסטע פאשיסטישע גרופּן געפינען זיך אין קוויבעק. די פאשיסטן נוצן אויס די שרעקלעכע אָרימקייט אין דער פּראָווינץ צו פארנארן א סך יונגע מענטשן אין די פאשיסטישע רייען. אָבער די אנדערע טיילן פון קאַנאדע זיינען נישט אויסגעהיט פון דעם. דיווירקלעכע אָנטרייבער פונם פאַשיזם — די מולטי־מיליאָנערן — זיינען פאקטיש כמעט אלע ענגלישע קאַנאדער.

● געהיימע מיטינגען

דעם 23־טן אויגוסט, 1937 איז אין טאָראָנטאָ, אויף 847 בעי סט. פאָרגעקומען א געהיימע באראטונג וועגן פראגן פון דער פאשיסטישער באוועגונג אין קאנאדע. ביי דער באראטונג זיינען געווען: אדריען ארקאן, דר. ג. לאמבערט, דזשיי. פאפעניו און י. קלעמענט — אלע פון מאָנטרעאָל. א דאָקטאָר פון קעמבעלטין, ניו בראָנזוויק, אונטער דעם נאָמען — דר. דעי — איז אויך געווען אָנוועזנד. דער צוזאמענקונפט האָט אויך איינגעשלאָסן, צווישן אנדערע, דזשאן ראָס טעילאָר, וועלכער איז, נאָך א לענגערער דיסקוסיע, אויסגעקליבן געוואָרן פאר דעם פירער פון דער אָנטעריער אָפּטיילונג פון דער קאנאדער נאציאָנאלער קריסטלעכער פארטיי. עס איז באשלאָסן געוואָרן ביי דעם מיטינג, אז א גרופּע טאָראָנטער נאצים זאָל קאָאָפּערירן מיט טעילאָר׳ן אין בויען די דאָזיקע פארטיי אין טאָראָנטאָ.

● מען ארבעט אויס א פּלאַן

יענעם טאָג, אויגוסט 23־טן, האָבן די פאשיסטישע קאָנספּיראַטאָרס אויסגעארבעט א פּלאַן פאר אָנטעריאָ. אין לויף פון דער דיסקוסיע האָט אר־קאַן, מיט דער אַנגענומענער אָפנהארציקייט, וואָס שטאמט פון אזא זיכערקייט אין זיך, וואָס בלויז רעגירונג־פּראָטעקציע קאָן געבן, זיך בארימט פאר זיינע קאָלעגן, אז זיין פּארטיי פארמאָגט איצט א צאָל מיטגלידער אין דעם קוויבעקער פּארלאַמענט אזוי גוט ווי אין דעם פעדעראַלן פּארלאַמענט.

די קליינע באנדע האָט אָנגענומען א צאָל רעזאָלוציעס, וואָס צייכענען אָן די פאָלגנדע אויפגאבן: אָנהויבן א קאַמפּאַניע אין טאָראָנטאָ, אינם ספּע־דיינע־דיסטריקט (א געגנט מיט א גרויסער אידישער באפעלקערונג) מיטן ציל צו „פּארניכטן די פּופּציק — זעכציק טויזנט אידישע בירגער אין טאָראָנ־טאָ"; א קאַמפּאַניע צו באַיקאָטירן אלע אידישע געשעפטן; איינטיילן טאָ־ראָנטאָ אין פּופּצן דיסטריקטן און באשטימען א סעקרעטאר פאר יעדן דיס־טריקט.

זינט ס'איז פּארגעקומען אָט־דער נייער געהיימער מיטינג איז דזשאָן ראָס אָן שום צערעמאָניעס ארויסגעשמיסן געוואָרן און דזשאָזעף פאר איז באשטימט געוואָרן פאר דעם פירער אין אָנטעריאָ. ער האָט זיין אָפיס (אין דעם מאָמענט ווען די שורות ווערן געשריבן) אין צימער 25, איזאבעלא האָטעל, שערבאָרן סט. טאָראָנטאָ.

אָבער פאר איז בלויז לפנים דער פירער פון דער פאשיסטישער פּאר־טיי אין אָנטעריאָ. דער אמת'ער באלעבאָס איז גאָר דזשיי. לאַרימער, דער טאָראָנטער הויפּט פון דער „פישער בעירינג קאָמפּאַני" אן אָפּטיילונג פון א דייטשער פירמע. עס ווערט פּארטרויענסווערט געמאָלדן אז לאַרימער פינאַנ־סירט די באוועגונג אין אָנטעריאָ. סיי ער, לאַרימער, און סיי זיין פרוי זיינען אין שטענדיקער פארבינדונג מיט דעם גוט־באקאנטן נאצי־שפּיאָן, ווערנער האאג, וועלכער איז געווען געצוואונגען אין איילעניש צו אנטלויפן פון די פאראייניקטע שטאַטן, ווען זיין אקטיוויטעט איז אויפגעדעקט געוואָרן דורך פארעפנטלעכע דאָקומענטן, וועלכע האָבן באוויזן, אז ווערנער האאג איז געווען דער פירער פון א שפּיאָן־רינג אין די פאראייניקטע שטאַטן.

האאג'ן ווערט דערלויבט צו געפינען א רו־פּלאַץ אין קאנאדע, פּאר־דעקנדיק זיינע צעשטערערישע, אנטי־רעגירונג אקטיוויטעטן אונטער דעם צודעק פון זיין דער הויפּט פונם טאָראָנטער אָפיס פון די דייטשע מלוכה־אייזנ־באַנען

● זיי סטראַשען מיט געוואַלט-מיטלען

גאָר לעצטנס האָט די „קאנאדער נעשאָנאל פּארטי" ארויסגעשיקט א צאָל אָרגאניזאטאָרס (באזאָרגט מיט גענוג געלט) אין די פארשיידענע טיילן פון אָנטעריאָ צו בויען אן אָל־פּראָווינציעלע פאשיסטישע פּארטיי. די פּא־שיסטן בארימען זיך, אז זיי האָבן אריינגעקראָגן אין זייערע רייען א צאָל

„פראָמינענטע" בירגער אין דער פּראָווינץ, צווישן זיי איינע מוניציפּאַלע און פּאָליציי באַאַמטע, און אַז זיי האָבן די ברכה פון דעם טאָראָנטער פּאָליציי־שעף, גענעראַל דרייפּער. מיט דעם אפשר דערקלערט זיך פאַרוואָס עס זיינען נישט געמאַכט געוואָרן קיין שום אַרעסטן, ווען די פאַשיסטן האָבן אַוועקגעלייגט א שווארצן טוך מיט א צוגעקלעפּטער סוואַסטיקא ביים טיר פון ראַבאַי מ. אייזענדראַט און פאַרוואָס מען לאָזט אַרומגיין פריי די „מענטשן", וואָס האָבן געשיקט א 32־קאַליבערדיקע לעבעדיקע קויל און א קארטל מיט א סוואַסטיקא צו ראַבאַי ש. סאַקס. די מילדע שטעלונג, וואָס די פּאָליציי האָט גענומען צו די פאַשיסטישע פאַרברעכער האָט דערמוטיקט אַרקאַנ׳ס נאָכפאָלגער אין קינגסטאָן, אָנטעריאָ צו שיקן א בריוו צו אַלע אידישע איינוואוינער, סטראַשענדיק זיי אַ־רויסצוטרייבן פון שטאָט.

א חוץ דער קאַנאַדער נאַציאָנאַליסטישער פּאַרטיי עקזיסטירן אויך אין אָנטעריאָ אָפּטיילונגען פון דעם „קאַנאַדער פאַרבאַנד פון פאַשיסטן". דזשאָן ראָס טעילאָר איז פאַרבונדן מיט דער דאָזיקער באַוועגונג און, צוזאַמען מיט איינעם טשאַרלס ב. קרעיט, גיט ער אַרויס א מאָנאַטלעכע צייטונג, „די טאָנדערבאָלט". אין צייט פון די פּראָווינציעלע וואַלן אין אָנטעריאָ האָט טעילאָר אַרויסגעגעבן א צירקולאַר אין 20 טויזנט קאָפּיעס אונטערן קעפּל — „אידן קיין מאַדאַגאַסקאַר".

וויליאַם וויטאַקער פירט־אָן מיטן וויניפּעגער בראַנטש פון דער „קענעדיען נעשאָנאַליסט פּאַרטי" און ער איז דער „פירער" פון מערב קאַנאַדע. זיין פאָרשטייער אין סאַסקאַטון איז דזשאָן סציאָ. אין בריטיש קאָלומביע איז חי אָפּטיילונג פון וויטאַקער׳ס פּאַרטיי באַוואוסט אַלס די „יאָנג סיטיזענס ליג", אָנגעפירט פון סי. ס. טאָמאַס. ס׳איז אינטערעסאַנט צו באַמערקן, אַז די פאַשיסטישע אַקטיוויטעט אויפן פּאַסיפיק־ברעג איז פאַרשטאַרקט געוואָרן צוליב דעם וואָס די אייגנטימער פון די קופּער־מינען זיינען אַנטשלאָסן צו באַקעמפן דעם געדאַנק פון אַן עמבאַרגאָ אויף קריג־מאַטעריאַלן צו יאַפּאַן און צוליב דעם וואָס די קאַנאַדער רעגירונג שטעלט־אויף באַפעסטיקונגען אויפן ברעג. די „קענעדיען נעשאָנאַליסט פּאַרטי" גיט אַרויס א חודשלעכע צייטונג — „די קענעדיען נעשאָנאַליסט" — אָנגעפילט מיט מאַטעריאַלן, וואָס עס שטעלט צו די „וועלט־דינסט" — א דייטשע נייעס אַגענטור.

קאַפּיטל פיר

נאַצי־אַקטיוויטעטן אין קאַנאַדע

די נאַציאָנאַל־סאָציאַלע קריסטלעכע פּאַרטיי און די נאַציאָנאַליסטישע פּאַרטיי פון אָנטעריאָ און מערב־קאַנאַדע שאַפן בשום אופן ניט א פול בילד פון דער פאַשיסטישער באַוועגונג אין קאַנאַדע. פאַשיסטישע אָרגאַניזאַציעס עקזיסטירן צווישן די דייטשע און איטאַליענישע מינדערהייטן און זיינען ענג פאַרבונדן מיט דער „היימישער" פאַשיסטישער באַוועגונג.

עס זיינען פאראַן כמעט 500.000 מענטשן פון דייטשער אָפּשטאַמונג אין קאַנאַדע. די מערסטע פון זיי זיינען אָדער נאַטוראַליזירטע בירגער אָדער הי־געבוירענע. אייניקע שטאַמען פון דער שווייץ, עסטרייך און אַנדערע לענדער, וואו עס לעבן דייטש־רײדנדיקע מינאָריטעטן. אין איינקלאַנג מיט היי־לער'ס דערקלערונג וועגן נאַציִשער יוריסדיקציע איבער די דייטשן אין אַלע לענדער, ווערט אין אונזער לאַנד אָנגעפירט אַ כסדר'דיקע אָנגעשטרענגטע און ענערגישע קאַמפּאַניע צו ווערבירן לאַיאַלע קאַנאַדער פאַרן נאַציזם און נאַציִשער שפּיאָנאַזש־אַרבעט. אין דער פירערשאַפט פון אַזאַ אַרבעט געפינען זיך די דייטשע קאָנסולס און ספּעציעל געשטאַפּאָ־אַגענטן, וועלכע פּאַראַדירן אַרום אַלס באַאַמטע פון דייטשע פירמעס, צייטונגסלייט, א. ד. ג.

● קאָנסולאַטן — נאַצי־אַגענטן

איינער פון די אָנערקענטע פּרינציפּן פון אינטערנאַציאָנאַלן געזעץ איז, אַז אַ קאָנסול טאָר נישט נעמען קיין שום אָנטייל אין די אינערלעכע ענינים פון דעם לאַנד אין וועלכן ער געפינט זיך. דאָך, ביי אונז אין קאַ־נאַדע, אין איצטיקן מאָמענט, געפינען זיך דייטשע און איטאַליענישע קאָנ־סולס, וועלכע זיינען פאַרטאָן אין דער אַרבעט פון ווערבירן מיטגלידער אין דער נאַציִשער און פאַשיסטישער פּאַרטייען און זיי דינען פאַר אַ צענטער וואָס באַזאָרגט די „היימישע" פאַשיסטישע באַוועגונג מיט ענגלישער און פראַנצוי־זישער פאַשיסטישער ליטעראַטור.

עס וואָלט געווען אַ טעות צו דענקען, אַז אַלע דייטש־שפּרעכנדיקע איינוואוינער אין קאַנאַדע זיינען נאַציס. דער גרעסטער פּראָצענט פון דער דייטש־קאַנאַדישער באַפעלקערונג, לעבנדיק האַרמאָניש און פרידלעך מיט אַנדערע קאַנאַדער אין די לעצטע עטלעכע יאָרצענדליקער, האַסן היטלעריזם.

עס זיינען אָבער פאַראַן גענוג וועגן, ווי אַזוי קאַנאַדער פון דייטשער אָפּשטאַמונג ווערן אָנגעשראָקן און מיט געוואַלט אַריינגעצויגן אין דער נאַצי־פּאַרטיי און אין נאַצי־טעטיקייטן. אייניקע דייטש־קאַנאַדער האָבן קרובים אין דייטשלאַנד — עלטערן, שוועסטער, ברידער. ווען אַזעלכע דייטש־קאַנאַ־דער דריקן זיך אויס קעגן נאַציזם, וואָרנט מען זיי אין אַ שפּראַך וואָס לאָזט נישט איבער קיין שום צווייפל, אַז אויב זיי וועלן נישט אויפהערן צו אַטאַקירן דעם נאַציזם, וועלן זייערע קרובים אין דייטשלאַנד האָבן דעם זעל־בן סוף, וואָס אַלע „פיינט פון דער מלוכה".

● געשטאַפּאָ אין קאַנאַדע

אָט האָט איר אייך אַ מוסטער פון די מעטאָדן, וואָס די געשטאַפּאָ (דייטשע געהיים־פּאָליציי) נוצט צו טעראָריזירן דייטשע קאַנאַדער. דער פאַל מיט אַדאַם שאַרער, אַ דייטש־קאַנאַדער פון סאַדבורי אָנטעריאָ, ברענגט אַרויס די דאָזיקע מעטאָדן מיט אַלאַרמירנדיקער קלאָרקייט. ער איז ניט געווען פאַר־בונדן מיט קיין פּאָליטישער פּאַרטיי. זיינע סימפּאַטיעס, אויב ער האָט געהאַט אַזעלכע, זיינען געווען פּראָ־נאַציש. נאָך דעם ווי ער האָט געלייענט די פּראַכט־

פולע ליפלעטס און פאַרשיידענע אָנאָנסן וועגן די אָלימפּישע שפּילן האָט ער באַשלאָסן צו פאָרן קיין דייטשלאַנד צו זען זיין אַלטע היים און די אָלימפּישע שפּילן אין דער זעלבער צייט. ער האָט געקראָגן א פּאַספּאָרט פונם דייטשן קאָנסול אין טאָראָנטאָ און איז אוועקגעפאָרן קיין דייטשלאַנד.

ער האָט נישט געוואוסט, ווייזט אויס, אז די געשטאַפּאָ קוקט אים נאָך. דורך א מאָדנעם צופאַל,עטלעכע חדשים, איידער אדאם שארער האָט זיך גע־ווענדעט נאָך א פּאַספּאָרט, איז אין א דייטשער אַנטי־נאַצי־צייטונג אין קאַנאַ־דע דערשינען אן ארטיקל, וואָס האָט אטאקירט היטלער׳ן. דער ארטיקל איז געווען אונטערגעשריבן פון איינעם, אדאם שארער.

אזוי שנעל ווי שארער איז אָנגעקומען אין דייטשלאַנד, האָט אים די דייטשע פּאָליציי ארעסטירט און אריינגעוואָרפן אין א נאַצי־טורמע. מען האָט אים ניט געזאָגט פארוואָס. אָבער שפּעטער דורך אָנפראַגעם האָט ער איינ־געזען, אז מען האָט אים אָנגענומען פאר אימיצן אנדערש. צום גליק פאר אים, איז ער געווען אימשטאנד צו באווייזן, אז ער איז נישט דער אדאם שא־רער, וואָס האָט געשריבן דעם אַנטי־נאַצישן ארטיקל. ווען די געשטאַפּאָ האָט אונטערזוכט דעם ענין און אויסגעפונען, אז ער זאָגט דעם אמת,האָט מען אים באפרייט. אדאם שארער איז איצט צוריק אין קאַנאַדע.

און אָט איז א פאַל פון סטראַשונקעס מצד דעם קאָנסול. א דייטש־קאַנאַדער, וואָס וואוינט אין קיטשענער אָנטעריאָ און וואָס זיין נאָמען דארף אויפן מאָמענט נישט דערמאָנט ווערן, האָט זיך אקטיוו באטייליקט אין אָנ־גרייפן דעם נאַצישן רעזשים. ער האָט געהאסט אלץ וואָס היטלער האָט גע־זאָגט אָדער געטאָן און האָט נישט געמאכט קיין סוד פון זיין שטעלונג, נישט אין דער עפנטלעכקייט און נישט אין פּריוואטע געשפּרעכן. אין א שיינעם טאָג האָט ער דערהאַלטן א בריוו פונם דייטשן קאָנסול אין וועלכן מען לאָזט אים וויסן, אז אויב ער וועט אָנגיין ווייטער מיט זיינע אטאקעס קעגן נאַציזם וועלן זיינע עלטערן אין דייטשלאַנד דאַרפן ענטפערן פאר דעם.

דער דאָזיקער דייטש־קאַנאַדער האָט איגנאָרירט די סטראַשונקעס. ביי א מיטינג פון אן אַנטי־נאַצי קלוב אין קיטשענער האָט ער פאָרגעלייענט דעם בריוו מיט די סטראַשונקעס פונם דייטשן קאָנסול. צוויי וואָכן שפּעטער איז אָנגעקומען די מעלדונג, אז זיינע עלטערן געפינען זיך אין א קאָנצענטראַציע לאַגער אין דייטשלאַנד. מען האָט אים נאָכאמאָל געוואָרנט ער זאָל אויפהערן זיינע אַנטי־נאַצי אקטיוויטעטן. מורא האָבנדיק, אז די נאַצים וועלן נאָך מער נוקם זיין זיך אין זיינע עלטערן, האָט דער דייטש־קאַנאַדער זינט דאַן אויפ־געהערט צו באטייליקן זיך אין אַנטי־נאַצי ארבעט.

● דער „דויטשע בונד"

אויב איר זיינט פון דייטשער אָפּשטאַמונג און איר פילט, אז איר דארפט נישט געהערן צו די עקזיסטירנדיקע נאַצי־אָרגאַניזאַציעס, וועט איר אין א שיינעם טאָג קריגן א בריוו פון איינעם פון די דייטשע קאָנסולס, אין וועלכע מען וועט אייך „איינלאַדן" צו באזוכן א דייטשן צוזאַמענקונפט. דער

בריוו וועט אנאָנסירן א געוויסע פיערונג, ביי וועלכער עס וועט ריידן א פירער פונם „דויטשע בונד“.

די הויפט־קוואַרטיר פונם „דויטשע בונד“ געפינט זיך אין מאַנטרעאָל און זי ווערט אויפגעפאסט פונם דאָרטיקן דייטשן קאָנסולאַט. אין די גרעסערע שטעט און שטעטלעך פון איבערן לאַנד געפינען זיך אָפּטיילונגען פונם „דויטשע בונד“, אונטער די שטענדיק־וואכזאמע אויגן פון די דייטשע קאָנסולאַטן.



א קאַנוועגשאַן פון דעם נאַציש „דויטשן בונד“ מיט פאָרשטייער פון די פאַרייניקטע שטאַטן. די פעדעראַלע קאָנגרעס קאָמיסיע אויסצופאָרשן די אקטיוויטעטן פון די נאַצים האָט אויפגעדעקט א ריזיקע נעץ פון שפּיאָנאַזש און סאַבאָטאַזש, אָנגעפירט פון די נאַצים קעגן דער אמעריקאַנער רעגירונג.

אלע אפּליקאַנטן פאַר מיטגלידערשאַפט אינם „דויטשע בונד“ מוזן שווערן, אז זיי זיינען פון אַרישער אָפּשטאַמונג, אז זיי געהערן נישט צו קיין אנדערע אָרגאַניזאַציעס און אז זיי ווילן זיך נישט אָנשליסן אין קיין שום אנדער אָרגאַניזאַציע. איבער אַלץ, מוז דער אַפּליקאַנט שווערן אז ער וועט אויפהאַלטן די אידעאָלאָגיע פון נאַצי־דייטשלאַנד. אין דער אָרגאַניזאַציע ווערט אַלץ געפירט אַזוי, אז עס זאָל זיין זייער צוציענד פאַר די מיטגלידער, אָבער די אָרגאַניזאַציע אָפּערירט אונטער א גרויסן פאַרלוסט יעדן יאָר. דער מיטגליד־אָפּצאָל איז קליין און ווערט איבערגעשיקט קיין מאָנטרעאָל אינם הויפּט־אָפיס. פאַר אַזא נישטיק־קליינעם אָפּצאָל קריגן די מיטגלידער א קראַנקן־בענעפיט, וועלכער איז פאַרשטייט זיך, סובסידירט פון אימיצן.

● פרייע רייזעס קיין דייטשלאַנד

אויב איר זיינט א לאָיאַלער מיטגליד פאַר צוויי אָדער דריי יאָר, באַזאָרגט מען אייך מיט א רייזע צו דעם יאָרלעכן נאַצי־קאָנגרעס אין נירנבערג. דער בונד צוזאַמען מיט אנדערע נאַצי־גרופּן באַזאָרגן די מיטגלידער מיט פאַרשיידענע פאַרווייליגונגען פאַר א זייער קליינעם אָפּצאָל, וואָס דעקט בלויז א נישטיקן טייל פון די אויסגאַבן.

דער בונד האַלט אויס שולן אין מאָנטרעאָל, טאָראָנטאָ, ווינניפעג און קיטשענער. אין די שולן לערנט מען די קינדער נישט בלויז די דייטשע שפּראַך און ליטעראַטור, נאָר מען פלאַנצט איין אין די קינדער די אידייען וואָס זיינען פאַרבונדן מיט די בלוטיקע „העלדישקייטן" פון היטלער'ן. אַרום מאָנטרעאָל און ווינניפעג געפינען זיך נאַצי־קעמפּס מיט פלאַטערנדיקע נאַציִשע פאָנען. קינדער ווערן דערצויגן נישט ווי קאַנאַדער דייטשן נאָר ווי נאַציס, און מען לערנט זיי צו געבן דעם נאַצי־סאַלוט.

דער אָפיציעלער אָרגאַן פונם „בונד" און פון דער נאַצי־באַוועגונג אין קאַנאַדע, איז די „דויטשע צייטונג" — אַ וואָכנבלאַט אַרויסגעגעבן אין ווינניפעג. די צייטונג ווערט סובסידירט — דאָס איז קלאָר — און זי ווערט אַרויסגעגעבן מיטן איינציקן ציל צו פאַרשפּרייטן דעם נאַציִשן געדאַנק און די נאַצי־פּראָגראַם צווישן דער דייטש־רײדנדיקער באַפעלקערונג אין קאַנאַדע. די צייטונג איז אָפן און פּרעך אַנטיסעמיטיש. עס איז זייער וויכטיק דער פאַקט, וואָס די צייטונג דרוקט אָפט אַנאָנסן פון דעם „פיכטע בונד" אין האַמבורג, דייטשלאַנד, וועלכע גיט אַרויס גאַנצע בערג פּראָ־נאַציִשע און אַנטי־אידישע ליטעראַטור אויף צו פאַרשפּרייטן אויסער די גרעניצן פון דייטשלאַנד. כמעט די גאַנצע ענגלישע און פראַנצויזישע פּראָפּאַגאַנדע, געדרוקט אין דייטשלאַנד און פאַרשפּרייט אין קאַנאַדע, ווערט אַרויסגעגעבן פונם „פיכטע בונד".

● באַפעלן פון גערינג'ן און היטלער'ן

דער „דויטשע בונד" אין קאַנאַדע מאַכט אַפילו נישט דעם אָנשטעל פון רעספּעקטירן קאַנאַדער אידעאַלן און אינסטיטוציעס. מיר גיבן דאָ אייניקע טיילן פון דער פּראָקלאַמאַציע, וואָס דער בונד האָט אַרויסגעלאָזט אין פאַרבינדונג מיט גענעראַל גערינג'ס פיר־יאָר־פּלאַן. די פּראָקלאַמאַציע רעדט פאַר זיך אַליין:

„אין איינקלאַנג מיט דער פּראָקלאַמאַציע פון אונזער אונזער פירער, אַדאָלף היטלער (און אויסגעטייטשט פון מאַיאָר־גענעראַל גערינג) פאָרעפנטלעכן מיר דאָ דעם פיר־יאָר־פּלאַן פונם „דויטשע בונד" אין קאַנאַדע.

„מיר מאַכן עס פאַר אַ פליכט פון יעדן דייטשן פאַבריקאַנט און סוחר (עקספּאָרט אָדער אימפּאָרט) צו באַשעפטיקן, אויף וויפל עס איז נאָר מעגלעך, בלויז דייטשן אין זייערע אונטערנעמונגען. אַלע קאָנטראַקטאָרס און פאָרלייט פון דייטשער אָפּשטאַמונג זיינען פאַרפליכטעט צו באַזאָרגן פריער פון אַלץ די מיטגלידער פונם בונד אין איינקלאַנג מיט זייערע פעיִקייטן. יעדער מיטגליד פונם בונד ווען ער קויפט סחורות, דאַרף פאָדערן דייטשע סחורות צו יעדער צייט און אין יעדן פלאַץ און ער דאַרף באַאיינפלוסן אַלע זיינע באַקאַנטע צו טאָן דאָס זעלבע. אַלע עלטערן, וואָס זיינען מיטגלידער פונם דויטשע בונד זיינען פאַרפליכטעט צו שיקן זייערע קינדער אין דייטשע שולן. בכדי די קינדער זאָלן זיך אויסלערנען די דייטשע שפּראַך און געשיכטע.

„מען זאָל אכטונג געבן, אז דער לערער - פערסאָנאַל אין די דויטשע שולן זאָל באשטיין פון נאַציאָנאַל-סאָציאַליסטן און אָנשטריינגונג זאָל געמאכט ווערן צו איבערצייגן זיי, אז זיי זאָלן קאָאָפערירן מיטן בונד (צום ביישפּיל: יוגנט-גרופּן, קולטור-אויפזעער, רעדנער א. א. ג.)

„נאָכמער, מיר לייגן ארויף א ספּעציעלע פליכט אף די עלטערן, אז זיי זאָלן שיקן זייערע קינדער פון 10 ביז 18 יאָר אין די יוגנט-גרופּן פונם דויטשע בונד און מיר פאָדערן פון יעדן פירער פון א לאָקאַלער אָפּטיילונג צו איינשטעלן אזא גרופּע, אויב זי עקזיסטירט נאָך נישט איצט.

„יעדער מיטגליד פונם „בונד" דאַרף אכטונג געבן צו קויפן צייטונגען און פּעריאָדישע אויסגאַבעס (און ביכער) בלויז אין אזעלכע געשעפטן וועלכע זיינען אָפן פריינטלעך צום דריטן רייך. עס טאָר פאַר קיין פאַל נישט פּאַסירן, אז אין אזעלכע געשעפטן זאָל מען פאַרקויפן אזעלכע צייטונגען, וואָס זיינען קעגן אונזערע צילן און שטרעבונגען. עס איז די אויפגאַבע פון אונזערע מיטגלידער צו נעמען שריט קעגן אזעלכע ארויסגעבער און געשעפטן, בכדי זיי זאָלן אָדער אריבערקומען אויף אונזער זייט, אָדער ארויסווייזן זייער אמת'ן קאָליר. אויב עס איז אין דער געגעבענער שטאָט נישטאָ אזא פּאַסיקע קראָם, זאָל מען זיך שטעלן אין פאַרבינדונג מיט מר. בלאָט, פּרעסע-דירעקטאָר פון בונד און רעדאַקטאָר פון דער „דויטשע צייטונג" פאַר קאַנאַדע.

„לעצטער באַפעל:

„דער פיר-יאָר-פּלאַן פונם „דויטשע בונד" גייט אריין אין קראַפט מיט אָט דעם דאָקומענט. מיר באַפעלן, אז די מיטגלידער פונם „דויטשע בונד" זאָלן זיך אָן שום באַדינגונגען אונטערוואַרפן זייערע פירער, בכדי מיר זאָלן דערפילן די אויפגאַבן, וואָס מיר האָבן זיך געשטעלט אָן שום דורכרייסן. אין דעם גייסט באַגריסן מיר אַלע מיטגלידער פונם בונד מיט הייל היטלער!

„פאַר די פירער פונם בונד,
„האַנס גראַבאָווסקי, פירער פון בונד,
„ג. היטלער, סעקרעטאַר פון בונד"

אויסער דעם בונד עקזיסטירן נאָך אויך די נ. ס. ד. א. פּ. (נאַצי) ארגאַניזאַציעס מיט אינסטרוקציעס דירעקט פון דייטשלאַנד, און דער „ארבייטס פראָנט", וואָס פאַרפליכטעט צו פּראָפּאַגאַנדירן אין קאַנאַדע נאַצי-טעאָריעס „דורך וואָרט און טאָט". די מיטגלידער ווערן געשטעלט אונטער דער דירעקטער פירערשאַפט פון דר. לעי, הויפּט פונם „ארבייטס - פראָנט" אין דייטשלאַנד. דער „דויטשע בונד" און דער „ארבייטס-פראָנט" שטעלן צונויף דעם אינערלעכן קרייז פון דער דייטשער נאַצי-באַוועגונג אין קאַנאַדע.

וואוינענע און ארבעטן דאָ אין קאַנאַדע מענטשן וועמען אגענטן פון

פרעמדע מעלוכעס באַפּעלן זיי צו קויפן בלויז דייטשע פּראָדוקטן; אז זיי מוזן שיקן זייערע קינדער, וואָס די מערסטע פון זיי זיינען געבאָרן אין קאַנאַדע אין שולן און קלובן צו דערצויגן און טרענירט ווערן דורך נאַצי־פירער, אינם גייסט פון ראַסן־האַס און קעגן דער דעמאָקראַטישער סיסטעם, אונטער


Deutscher Verein "Harmonie"
TORONTO, CANADA

דאַס זיינען קאָפּיעס פון 3 בריוו, וואָס זיינען אַרויסגעשיקט געוואָרן אין איין קאָנווערט דורך דער „האַרמאָניע", א דייטשישער פאַשיסטישער קלוב אין טאָראָנטאָ. אין איינעם פון די בריוו ווערט אַנאָנסירט א מיטינג, וועלכער איז אַדרעסירט געוואָרן פון דעם הויפּט פון „דויטשן בונד" אין קאַנאַדע, ו. טיערבאַך. דער בריוו איז אונטערגעשריבן פון דייטשישן קאָנסול.

וועלכער זיי לעבן. און מיר האָבן שוין געזען ווי די אַקטיוויטעטן פון די נאַצי־פירער און די דייטשע קאָנסולס גייען אַריבער די ראַמען פון די דייטש־ריידנדיקע אָרגאַניזאַציעס צו אַרבעטן צווישן די קאַנאַדער פאַשיסטן און צווישן אַלע איינוואוינער פון קאַנאַדע.

Richtlinien über die Mitgliedschaft zur Deutschen Arbeitsfront im Ausland

1. Aufgaben.

1. Die Deutsche Arbeitsfront ist die Organisation der schaffenden Deutschen der Stirn und der Faust.

   Das Ziel der Deutschen Arbeitsfront ist die Bildung einer wirklichen Volks- und Leistungsgemeinschaft aller Deutschen. Sie hat dafür zu sorgen, daß jeder Einzelne seinen Platz im wirtschaftlichen Leben der Nation in der geistigen und körperlichen Verfassung einnehmen kann, die ihn zur höchsten Leistung befähigt und damit den größten Nutzen für die Volksgemeinschaft gewährleistet.

   Die Auslands-Organisation der Deutschen Arbeitsfront hat von dem Reichsleiter der Deutschen Arbeitsfront, Pg. Dr. Ley, den Auftrag erhalten, die Aufgaben der DAF sinngemäß auch für die im Auslande wohnenden und schaffenden Reichsdeutschen durchzuführen.

   Diese Aufgaben umfassen folgende Arbeitsgebiete:

   a) die soziale Betreuung aller Mitglieder,

   b) die Schaffung und Verwaltung von Unterstützungs-Einrichtungen für die Mitglieder, um im Rahmen der vorhandenen Mittel die Existenz der DAF-Mitglieder im Falle der Not zu erhalten, bzw. befähigten Volksgenossen eine Aufstiegmöglichkeit zu bieten,

   c) die Freizeitgestaltung und Gemeinschaftspflege durch die NS-Gemeinschaft „Kraft durch Freude", deren Trägerin die Deutsche Arbeitsfront ist,

   d) die Berufserziehung und Fortbildung,

   e) Unterrichtung aller Auslandsmitglieder über die sozial-politische, wirtschaftliche und kulturelle Entwicklung im Deutschen Reich.

א קאָפּיע פון דירעקטיוו, וואָס זיינען צוגעשיקט געוואָרן פון בערלין צום „דייטשישן ארבעטער פראָנט" אין קאַנאַדע. דער באַצייכנטער פאראגראף לייענט זיך: „די אויפגאבן, וועלכע זיינען אוועקגעשטעלט געוואָרן פון דר. לעי, דער רייכס־פירער, פארן „דייטשישן ארבעטער פראָנט", דארף אויך אויסגעפאָלגט ווערן פון די דייטשן, וואָס וואוינען אין פרעמדע לענדער.

קאַפּיטל פינף

מוסאָליני׳ס נעץ אין קאנאדע

ביז איצט האָבן מיר זיך באקענט מיט דער ארבעט פון די נאַצישע אגענטן. און וואָס הערט זיך מיט מוסאָליני׳ס אגענטן אין קאנאדע?

ערב די פעדעראלע וואלן אין 1935 איז דעם דעמאָלטדיקן יוסטיץ־מיניסטער, האָנ. היו גאָטרי צוגעשטעלט געוואָרן א מעמאָראנדום וועגן די אקטיוויטעטן פון די איטאַליענישע פאשיסטן אין קאנאדע. אָבער די רעגירונג האָט וועגן דעם גאָרנישט געטאָן.

די ארבעטס־באזע פאר מוסאָליני׳ס אגענטן, ווי מיר האָבן שוין געזען אין אָנהויב פון דעם ביכל, געפינט זיך אין מאָנטרעאָל. אָבער די נעץ שפּרייט זיך אויס צו טאָראָנטאָ, האמילטאָן, אָטאַווא, סאָדבורי, און וואנקוווער אין מערב און האליפאקס און סידני אין מזרח־קאנאדע.

פונקט ווי אין דעם פאל פון די דייטשע נאצים, איז דער צענטער פון די איטאַליענישע פאשיסטישע אקטיוויטעטן דער איטאַליענישער קאָנסולאט. אָנשטאָט דער געשטאַפּאָ, אפּערירט אין קאנאדע די „אָפּערע וואָלאָנטירע רעפּרעסיאנע אנטי פאשיסטאָ", אונטערן פארקירצטן נאָמען אוורא (די נאציאָנאלע אָרגאניזאציע פאר דער אונטערדריקונג פון אנטי־פאשיזם). די „אוורא" פונקציאָנירט ווי א שפּיאָנאזש־אָרגאניזאציע צווישן איטאַליעניש־קאנאדישע בירגער.

פונקט ווי אין איטאַליע איז די אָרגאַניזאַציע אין קאַנאַדע באַוואוסט אונטערן נאָמען פּאַשיאָ. אין דער אָרגאַניזאַציע איז פאַרבאָטן דערוויילן באַאַמטע. זיי ווערן אויסגעקליבן און באַשטימט דירעקט דורך דער „ביוראָ פון איטאַליענישע פאַשיסטן אין פרעמדע לענדער". די ביוראָ געפינט זיך אין רוים. דער קאָנסול אין יעדער שטאָט אין קאַנאַדע שטעלט צו דער ביוראָ אין רוים די נעמען פון די מענטשן, וועלכע ער באַטראַכט פאַר געטרייע דורכפירער פון זיינע באַפעלן. די באַאַמטע, וואָס באַשטייען, געוויינלעך פון פינף פערזאָן, זיינען באַוואוסט אַלס דער „דירעקטאַראַט פון די פאַשיאָ".

אונטערן איינפלוס פון דער „פאַשיאָ" זיינען אין די פאַרשיידענע שטעט אין קאַנאַדע אויפגעבויט געוואָרן „קאַסאַ ד'איטאַליאַ (איטאַליענישע היימען), וועלכע זיינען די הויפּט-קוואַרטירן פון איטאַליענישן פאַשיזם און זיי דינען אַלס אַ מיטל אויף צוציען די איטאַליענישע איינוואוינער אין קאַנאַדע. זיי ווערן אויפגעבויט קלוימערשט אויפן באַזיס פון פרייוויליקע ביישטייערונגען, אָבער אין דער אמת'ן קומט אויס, אַז איטאַליענער, וועלכע האָבן קרובים אין איטאַליע האָבן מורא און זיי וואַגן נישט אָפּצוזאָגן אַ ביישטייערונג. דער אינצידענט, וואָס האָט פּאַסירט מיט דעם דר. אַ. סאַבעטאַ, געהילף פּראָפעסאָר פון דעם מאָנטרעאָלער אוניווערסיטעט, איז אַ גוטער ביישפּיל פון דעם, וואָס עס קאָן פּאַסירן צו אַנדערע, וועלכע פילן ניט אויס די פאַרלאַנגען פון דער „פאַשיאָ".

דר. סאַבעטאַ איז אַ נאַטוראַליזירטער קאַנאַדער. אין זומער פון 1932, בשעת זיין רייזע אין איטאַליע איז ער אַרעסטירט געוואָרן. די „אָוראַ" האָט געלאָזט וויסן רוים, אַז סאַבעטאַ איז אַן אַקטיווער אַנטי-פאַשיסט, כאָטש ער האָט קיינמאָל זיך ניט אינטערעסירט מיט איטאַליענישן פאַשיזם אָדער אַנטי-פאַשיזם. אַ טעלעגראַמע פון דעם פאָרשטייער פון דער „אָוראַ" אין מאָנטרעאָל צו דער „אָוראַ" אין איטאַליע איז געווען גענוג צו ברענגען צום אַרעסט פון אַ לאָיאַלן קאַנאַדער בירגער, בשעת ער האָט באַזוכט זיינע עלטערן.

● מען מוז שווערן אָנגעהעריקייט צו מוסאָליני'ן

צו זיין אַ מיטגליד פון דער „פאַשיאָ" אין קאַנאַדע מיינט אַז מען דאַרף ברעכן די טרייהייט-שבועה צו קאַנאַדע (אַ שבועה וואָס יעדער איינער גיט ווען ער ווערט איינגעשוואוירן אַלס קאַנאַדער בירגער). קיינער קאָן נישט ווערן קיין פאַשיסט, סיידן ער שווערט לאָיאַליטעט צו מוסאָליני'ן. עס איז אַ פאַקט, אַז די עמעסע פאַשיסטן אין קאַנאַדע זיינען איטאַליעניש-געבוירענע בריטישע בירגער, אָבער דאָס שטערט נישט דעם איטאַליענישן קאָנסול, גואיסעפּי בריגידי צו האַלטן די פאָלגנדיקע רעדע, וועלכע איז דערשינען אין דער פאַשיסטישער ציימונג „ל'איטאַליאַ":

„קאַמעראַדן, מיר געפינען זיך דאָ היינט אָוונט באַ אַ צערעמאָניע, וואָס, איך גלויב, קומט פאַר צום ערשטן מאָל אין מאָנטרעאָל. דאָס איז — די אָפיציעלע פאַרטיילונג פון די מיטגליד-קאַרטלעך (זיי קו-

מען פון רוים) צו די, וואָס האָבן זיך אריינגעשריבן אין דער „פאַשיאָ״. די פריערדיקע פאַרוואַלטונג פון דער „פאַשיאָ״ איז ניט גע־פירט געוואָרן אַזוי רעגולער ווי עס איז אָנגעצייכנט. איצט מוז עס גוט פאַרשטאַנען ווערן, אַז די מיטגליד־קאַרטלעך פון דער פאַשיאָ מוזן קו־מען אויסשליסלעך פון רוים, אַזוי אַז וואָס מיר טוען היינט איז בלויז דער לעצטער אַקט פון דעם אָנגאַנג פון אַפּיליאַציע.

"L'ITALIA", Montreal

VITA ITALIANA A MONTREAL E DIN

LA SOLENNE CONSEGNA DELLE TESSERE AI FASCISTI DI MONTREAL

PARECCHIE CENTINAIA DI ITALIANI PRESTANO IL GIURAMENTO DI FEDELTA'

I DISCORSI

LA NECESSITA' DELLA DISCIPLINA

Il Console d'Italia spiega ai fascisti di Montreal i doveri che ad essi incombono

א פאָטאָסטאַטישע קאָפּיע פון דער רעדע, וואָס דער איטאַליענישער קאָנסול, גוויסעפּע בריגידי, האָט געהאַלטן פאַר קאַנאַדער איטאַליענער אין מאָנטרעאַל (די איבערזעצונג פון איר גיבן מיר דאָ איבער). די רעדע איז געווען געדרוקט אין דער איטאַליענישער פאַשיסטישער צייטונג „ל׳איטאַליע״.

„נאָך דעם ווי דער איטאַליענישער קאָנסול נעמט־אָן אַן אַפּ־ליקאַציע, ווערט זי אָוועקגעשיקט צו דעם גענעראַל־סעקרעטאַר פון די פאַשיסטן אין פרעמדע לענדער. דער סעקרעטאַר מאַכט אָנפראַגעס וועגן דעם אַפּליקאַנט אין דער פּראָווינץ, אין דער שטאָט און אין דעם מי־ליטערישן באַצירק פון דעם געבורט־פּלאַץ פון דעם אַפּליקאַנט. די אי־טאַליענישע פּאָליציי, נאָך דער אונטערזוכונג, שיקט צוריק די רע־זולטאַטן.

„דער סעקרעטאַר פון די פאַשיסטן אין פרעמדע לענדער שיקט צו די „נולאַ אָסטראַ״ (קיין אויסזעצונגען), וואָס ווערט געגעבן בלויז צו אַזעלכע אַפּליקאַנטן, וועלכע האָבן נישט קיין רעקאָרד פון טורמע אָדער פּאָליטישע שוועריקייטן — פון דעם דאַרף מען ציען דעם שלוס, אַז ווען אַ מיטגליד־קאַרטל ווערט באַוויליקט (נאָך דער גוטהייסונג פון רוים) האָבן די אויטאָריטעטן באַאמטע מיט מאַטעמאַטישער פּינקטלעכ־

קיט באַשטעטיקט, אַז דער אַפּליקאַנט פאַרדינט דאָס קאַרטל אין יעדער הינזיכט.

„אין פאַרגלייך מיטן מיטגליד־קאַרטל, איז דער ווערט פונם פּאַס־פּאָרט, וואָס איז בלויז אַ דאָקומענט נויטיק ביים גרענעץ בכדי אַריינצו־קומען אין לאַנד, ווייניקער וויכטיק. דער פּאַספּאָרט באַשטעטיקט נישט די גוטע אייגנשאַפטן פונם אייגנטימער. ווען איינער שטעלט זיך פאַר פאַרן קאָנסול מיטן פּאַספּאָרט, באַווייזט ער בלויז, אַז ער איז ריכטיק אַריבער דעם גרעניץ. אָבער ווען איינער באַווייזט זיין מיטגליד־קאַרטל, דאַן העלפט אים דער קאָנסול און ווייסט אַז ער איז אַ דזשענטלמאַן.

„דאָס מיטגליד־קאַרטל איז אַן אומשעצבאַרער דאָקומענט פאַר יע־דן איינעם וואָס בייט זיין וואוין־אָרט, פאַר דעם איטאַליענער וואָס קערט זיך אום קיין איטאַליע. פון דעם דאָזיקן דאָקומענט (מיטגליד־קאַרטל)איבערצייגט מען זיך, אַז דער־און־דער, כאָטש ער האָט געלעבט ווייט פון זיין היימלאַנד, האָט ער אָבער אָנגעהאַלטן אַזאַ גלויבן אין זיך און אַזאַ גרויסן איטאַליעניזם, אַז ער פאַרדינט דעם פולשטענדיקן צו־טרוי. דאָס איז דער יחיד, וואָס האָט גוט פאַרטראָטן אונזער פאַשיסטי־שן איטאַליעניזם אין פרעמדע לענדער. נאָך דעם ווי איך וועל האָבן אים געגעבן דאָס מיטגליד־קאַרטל און גענומען בא אים זיין שבועה, וועט די אַרבעט זיין פאַרענדיקט...

„אָבער זייט פאָרזיכטיק איידער איר גיט די שבועה. פון דער „פּאַ־שיאָ” קאָן מען ניט רעזיגנירן. עס איז בלויז מעגלעך אויסשליסונג, וואָס ווערט געמאָלדן קיין רוים. אַן אויסגעשלאָסענער פאַשיסט איז אַ רואי־נירטער מענטש. דאָס איז די אורזאַך, זאָג איך נאָכאַמאָל, פאַרוואָס איך רוף אייך צו באַטראַכטן עס איידער איר שווערט. אַזוי שנעל ווי איר שרייבט זיך איין נעמט איר אויף זיך אַ גרויסע פאַראַנטוואָרטלעכקייט: יעדער איינער פון אייך ווערט אַ היטער פון אונזער לאַנד....

„איך וועל צונויפרופן די פאַרזאַמלטע און לייענען די שבועה, וועלכע זיי וועלן אָנעמען, אויב זיי פילן צו טאָן אַזוי. נאָך דער שבועה וועלן מיר אַלע זיין קאַמעראַדן, אַלע טראָגן דעם זעלבן אוניפאָרם און האָבן די זעלבע פליכטן....

„איך וועל אייך פאָרלייגן צו נעמען די שבועה גרופּעסווייז. האָט נישט חרטה. וואַרפט אַוועק אייערע צווייפלען. אויב אימיצער האָט וועלכן ניט איז צווייפל, זאָל ער בלייבן זיצן ווען איך רוף אים....

„דאָ אין קאַנאַדע ווערט די לאַגע פאַרפלאָנטערט צוליב דעם וואָס די מערהייט פון די איטאַליענישע איינוואוינער (ווי אין מאָנטרעאָל, צום ביישפּיל) האָט אָנגענומען קאַנאַדער בירגערשאַפט...

„עס קען זיין בלויז איין פירער. איך גלויב, אַז איך האָב געהאַלטן מיין וואָרט אפילו אין דער פראַגע, ווייל עס איז נישט געווען קיין איין צוזאַמענקונפט, קיין איין וויכטיקער באַשלוס, אין וועלכן איך זאָל זיך נישט געווען באַטייליקן. פאַשיזם וויל האָבן איינהייטלעכקייט אין אָנפי־

רונג... די אַנווייזונג וועט געשיקט פון דער איטאַליענישער רעגירונג, גוט אָדער שלעכט, איר דאַרפט עס אָננעמען".

נאָך אַט דער רעדע האָט דער קאָנסול געלייענט די שבועה, וואָס איז חל אויף יעדן פאַשיסט און וואָס זאָגט דאָס פאָלגנדע:

„אין נאָמען פון גאָט און פון איטאַליע שווער איך אויסצופילן די באַפעלן פון דעם דוטשע און צו דינען מיט מיין גאַנצער קראַפט, און אויב נויטיק מיט מיין בלוט, דער זאַך פון דער פאַשיסטישער רעוואָלוציע".

● אַנדערע אַקטיוויטעטן פון די קאָנסולאַטן

זינט אַט־דער באַרימטער רעדע האָט דער קאָנסול בריגידי זיך אומגעקערט קיין איטאַליע און איז פאַרביטן געוואָרן מיט דעם מאַרקיז פּאַאָלאָ דע סימאָנע, וועלכער פירט ווייטער די אַקטיוויטעטן פון וואַנען בריגידי האָט איבערגעלאָזט. און אַט־די אַרבעט ווערט אָנגעפירט איבער גאַנץ קאַנאַדע מיט גרויס שנעלקייט. מאָנטרעאָל איז ניט דער איינציקער פּלאַץ, וואו איטאַליענישע קאָנסולס גרייפן אָן אונזערע אינסטיטוציעס און באַווירקן קאַנאַדער בירגער צו שווערן אָנגעהעריקייט צו מוסאָליני'ן.

דעם 17־טן נאָוועמבער, 1937 איז פאָרגעקומען אַ פאַשיסטישער צוזאַמענקונפט אין האַמילטאָן צו פייערן 16 יאָר זינט מוסאָליני'ס מאַרש אויף רוים. דאָרט האָט דער טאָראָנטער וויצע־קאָנסול, קאָונט גואידאָ קאָלאַנאַ געגעבן אַ קלאָרע דעפיניציע פון דעם, וואָס די איטאַליענישע רעגירונג באַטראַכט פאַר דער פליכט פון איטאַליענער וואָס וואוינען אין קאַנאַדע.

זיין רעדע, ווי זי איז איבערגעגעבן אין דער טאָראָנטער פאַשיסטישער צייטונג „איל בולעטינאָ", וואָרפט נאָך מער ליכט אויף די צעשטערערישע אַקטיוויטעטן אין אָנטעריאָ און אין קוויבעק, וואָס עס פירן אָן די איטאַליענישע קאָנסולאַטן. די רעדע האָט צעשמעטערט די כסדר'דיקע טענות פון די איטאַליענישע קאָנסולס, אַז זיי און די „פאַשיאָ" זיינען בלויז פאַרינטערעסירט אין אַנטוויקלען די איטאַליענישע קאַנאַדער אין גוטע קאַנאַדער בירגער. דער וויצע־קאָנסול קאָלאַנאַ האָט געזאָגט:

„פריער פון אַלע, איינקייט, האַרמאָנישקייט, קאָאָפּעראַציע צווישן אַלע איטאַליענער..

„אַט־אַזוי זיינען די 42.000.000 איטאַליענער ווי איין מענטש אין זייער ענטוזיאַזם און אין זייער גלויבן אין דעם באַפעל פון דעם גרויסן פירער אונטער דער רוט פון דעם גרויסן קעניג אימפּעראַטאָר. יעדער איטאַליענער אין אויסלאַנד מוז זייער טיף פילן דעם פאַרלאַנג, אָדער די נויטווענדיקייט צו זיין אַ גוטער, ערלעכער, לאָיאַלער בירגער פון זיין אַדאָפּטירט לאַנד, פון דעם לאַנד, וואו ער האָט געפונען מיטלען צום לעבן.

„אָבער פון דער צווייטער זייט, מוז ער אַלעמאָל אָנהאַלטן דעם באַוואוסטזיין, אַז ער איז פון איטאַליענישן בלוט און אָפּשטאַמונג. ער

מוז זיך קעגנשטעלן פּאַרזוכן, נישט אַלעמאָל ערלעכע, צו אַסימילאַציע און בירגערשאַפט. ער מוז אָנהאַלטן דעם פלאַם פון זיין פּאַטריאָטיזם דורך זיין נאָענט צו די איטאַליענישע אינסטיטוציעס וואו ער וואוינט און דורך לערנען מער און מער וועגן זיין געבורט־לאַנד און זיין קולטור, וואָס ער מוז פון זיין זייט איבערגעבן צו זיינע קינדער".

די איטאַליענישע קאָנסולס באַגרעניצן ניט אפילו זייער אַקטיוויטעט צו דער איטאַליענישער באַפעלקערונג. דאָס קען מען זען פון דעם, וואָס אין דעם אָפיציעלן אָרגאַן פון דער „פּאַשיא" — „ל'איטאַליא נואָווא" — ווערן געדרוקט פראַנצויזישע און ענגלישע אָפּטיילונגען. אין אַסאַך איטאַליעניש־פראַנצויזישע צענטערס זיינען איינגעשטעלט געוואָרן שולן אין דער איטאַליענישער שפּראַך פאַר ענגלישע און פראַנצויזיש־רעדנדיקע מענטשן.

די אַריינמישונג מצד איטאַליענישע קאָנסולאַטן אין די אינערלעכע ענינים פון אונזער לאַנד איז געוואָרן מער פרעך און חוצפּה'דיק ווי ווען ניט איז פריער. דער קאָנסול דע סימאָנע פון מאָנטרעאָל האָט געהאַט די דרייסטקייט צו לויבן עפנטלעך, אין אַ סטייטמענט צו דער פּרעסע, דעם טרויעריקבאַרימטן פּעדלאָק־געזעץ, וואָס ער, אַלס אַ קאָנסול האָט נישט קיין שום לעגאַלע רעכט צו טאָן.

● „יענער טאָג וועט קומען"

איטאַליענישע פאַשיסטישע פּראָפּאַגאַנדע איז נישט באַגרעניצט בלויז צו דערוואַקסענע. קאַנאַדער־געבוירענע קינדער ווערן דערצויגן אין אַ גייסט, וואָס איז פרעמד צו אונזער לאַנד און טראַדיציעס. די לערער פון די פאַשיסטישע שולן אין קאַנאַדע מוזן אַלע זיין אָפיציערן פון דער איטאַליענישער אַרמיי. ווען מען באַשולדיקט זיי, אַז זיי לערנען די קינדער אַזעלכע טעאָריעס וואָס זיינען אַנטי־דעמאָקראַטיש און אַנטי־קאַנאַדיש, ענטפערן די פאַשיסטן, אַז די שולן זיינען אָרגאַניזירט געוואָרן פאַר דעם אויסשליסלעכן צוועק צו לערנען די איטאַליענישע קינדער די איטאַליענישע שפּראַך.

דאָס איז ניט עמעס. די מערסטע טעקסט־ביכער קומען פון איטאַליע און זיי זיינען פול מיט יענער פאַרגיפטעטער אידעאָלאָגיע, וואָס איז אַ מוסטער פון פאַשיסטישער קולטור. אָט האָט איר אַ מוסטער פון אַ ליד, וואָס מען לערנט זינגען די איטאַליענישע קינדער אין די פאַשיסטישע שולן:

„עס וועט קומען, יענער טאָג וועט קומען,
„ווען די גרויסע מוטער פון העלדן וועט אונז רופן.
„פאַר איל דוטשע, אונזער פאָטערלאַנד,
„פאַר דעם קעניג!
מיר ווילן דיר געבן
„רום און אימפּעריע אריבער די יאַמען"

נאָך מער. בכדי נאָך טיפער דורכדרינגען די מוחות פון די קאַנאַדער־געבוירענע איטאַליענישע קינדער מיט פאַשיסטישע אידייען, ווערן הונדערטער יוגנטלעכע אינם עלטער פון 15 ביז 17 יאָר אַוועקגעשיקט קיין איטאַליע

יעדן זומער צו באזוכן ספּעציעל פאשיסטישע קעמפּס. אן אונטערזוכונג פון איטאַליענישע קינדער אין האמילטאָן, וועלכע זיינען געשיקט געוואָרן קיין איטאַליע אינם זומער 1937 ווייזט אַז זיי זיינען אלע געוועזן קינדער פון קאַנאַדער בירגער.

דאָ האָט איר אין קורצן דעם איטאַליענישן טייל פון דער פאשיסטישער נעץ אין קאַנאַדע. מיר קאָנען נישט אריינלאָזן זיך אין איינצלהייטן, אָבער עס איז א טרויעריקער פאַקט, אַז די פאשיסטישע און האלב-פאשיסטישע אָרגאַניזאַציעס עקזיסטירן אויך צווישן די פּוילישע, אוקראַינישע, רוסישע און אנדערע מינדערהייט-גרופּן. אומדירעקט זיינען זיי אלע פארבונדן מיט דער דייטשער און איטאַליענישער פאשיסטישער באוועגונג און אויך מיט דער „היימישער" פאשיסטישער באוועגונג.

קאַפּיטל זעקס

● גרויס-קאַפּיטאַל און פאשיזם

די ווייט-אויסגעשפּרייטע נעץ פון פאשיסטישע אָרגאַניזאַציעס צווישן די בירגער פון אויסלענדישער אָפּשטאַמונג, אַזוי גוט ווי די „היימישע" פאַשיסטישע גרופּן, די ארבעט פון היטלער'ס און מוסאָליני'ס אַגענטן אין קאַנאַדע, כאָטש זיי שטעלן מיט זיך פאָר א געפאַר פאר אונזערע קאַנאַדער אינסטיטוציעס, זיינען זיי אָבער נישט די הויפּט טרייב-קראַפט, וואָס שטעלט אין געפאַר די קאַנאַדער דעמאָקראַטיע ביי היינט-צו-טאָג.

די מולטי מיליאָנערן אין קאַנאַדע, די האָלטס, די ביטיס, די מעקמאַסטערס, די באַלעבאַטים פון די טראַסטן, די גאָלד-באַראָנען — זיי זיינען עס די, וואָס זעען אין די דעמאָקראַטישע רעכט פון די מאַסן צו אָרגאַניזירן זיך אין טרייד יוניאָנס און צו אויסדריקן זיך פריי, א געפאַר פאר זייערע סופּער-פּראָפיטן.

זיי זיינען עס די יעניקע, וואָס פון איין זייט שוואַכן זיי אָפּ די פונדאַמענטן פון דעמאָקראַטיע דורך שטערן די ארבעטער אין זייערע דעמאָקראַטישע רעכט צו אָרגאַניזירן זיך אין טרייד יוניאָנס פון זייער אייגענעם אויסוואַל און פון דער צווייטער זייט, פירן זיי איין געזעצגעבונג, וואָס דערלויבט זיי צו באשטימען שכירות לויט די נידעריקסטע מינימומס, וואָס זיי ווילן נאָר. א קלאָרער מוסטער פון דעם איז דער פּעדלאָק געזעץ פון קוויבעק און די בילס 19 און 20 פון דער זעלבער פּראָווינץ. די דאָזיקע פינאַנסירן קוקן מיט צופרידנקייט און מיט א ווילקייט צו העלפן דער מושטירונג פון די צוקונפטיקע קאַנאַדער „שטורם-טרופּן", ווייל זיי האָפן צו נוצן זיי אינם ענדגילטיקן אָנגריף אויף אונזערע דעמאָקראַטישע אינסטיטוציעס.

לאָמיר זען וואָס א פירנדיקער וועלט-שטאַטסמאַן האָט צו זאָגן וועגן דעם ענין — א מענטש, וואָס זיינע פּראָ-דעמאָקראַטישע אידעאַלן דערלויבן אים צו ריידן מער אָפן און דרייסט, ווי די מערסטע היינט-צייטיקע שטאַטס-

ליים אונזערע. דער סעקרעטאר פאר אינערלעכע ענינים אין די פארייניקטע שטאטן, העראָלד ל. איקעס, ריידנדיק וועגן די רעאקציאָנערע פינאנסירן פון זיין לאנד (זיי זיינען ברידער אין גייסט, אין געדאנק און אין פינאנץ מיט זייערע קאנאדער פראטאטיפן), האט געוואָרנט דאס אמעריקאנער פאָלק, אז גרויס־קאפיטאל איז אויסן איינצופירן פאשיזם. ער האט געזאגט:

„אויב דאס אמעריקאנער פאָלק וועט אָנעמען דעם ארויסרוף, וועט דאן אמעריקע זיין א דעמאָקראטישע אמעריקע, א פרייע אמעריקע. אויב דאס אמעריקאנער פאָלק וועט זיך אונטערגעבן דעם ארויסרוף (פון גרויס־קאפיטאל) דאן וועט אמעריקע זיין א גרויס־קאפיטאליסטישע פא־שיסטישע אמעריקע — א פארשקלאפטע אמעריקע”.

און ווייטער:

„גרויס־האנדל מוז קאָנטראָלירט ווערן, אויב דעמאָקראטיע זאָל בלייבן לעבן. קאָנצענטרירטער רייכטום און מאכט איז פונקט אזוי גע־פערלעך היינט, ווי אין די פארגאנגענע צייטן, ווען די מענטשן האָבן געקעמפט צו פארהיטן זייערע מענטשלעכע רעכט”.

קעגן אָט־די באהויפטונגען איז ניטא קיין בעסערער אויטאָריטעט פאר גרויס־קאפיטאל אין קאנאדע, ווי ראָם ה. מעקמאסטער, דער דריטער רייכסטער מאן אין לאנד. ער איז איינ.ער פון די פיר גרויסע צווישן די פופ־ציק רייכסטע פאמיליעס אין קאנאדע. וואס ער דיינקט וועגן דעמאָקראטיע קאָן גענומען ווערן פאר א מוסטער פון דער קליינער גרופע מענטשן, וועל־כע קאָנטראָלירן דאס לאנד.

די „פיינענשל פאָסט”, דער אָרגאן פון פינאנץ־קאפיטאל אין קאנא־דע, האט דעם 4־טן אפריל, 1936 געשריבן וואס מעקמאסטער דיינקט וועגן דעמאָקראטיע. אָט איז אן אויסצוג פון מעקמאסטער'ס סטייטמענט אין דער „פיינענשל פאָוסט”:

„דעמאָקראטיע איז נישט די בעסטע פאָרם פון רעגירונג אויסגע־רעכנט צו ספראוועט זיך דערפאָלגרייך מיט די פראָבלעמען וואס באגע־גענען אונז”.

די פינאנסירן האלטן אָן ענגע פארבינדונגען מיט די פאשיסטישע גרופן אין קאנאדע. אמבעסטן קאָן מען עס זען אין דער פראָווינץ קוויבעק און אין א קלענערער מאס אין אָנטעריאָ, וואו דופלעסי'ס פריינט, מיטשעל העפבורן, געוועלטיקט דערוויילע אינם איצטיקן מאָמענט.

● דופלעסי לייקנט פאשיזם אין קוויבעק

דופלעסי האט דערקלערט פאר צייטונגס־מענטשן אז אין קוויבעק זיי־נען ניטא קיין פאשיסטן און דעריבע־ איז דאָרט אויך נישטא קיין פאשיס־טישע געפאר. דאס איז פונקט אזוי אמת, ווי ווען מען זאָל באהויפטן, אז ארקאן איז ניט קיין פאשיסט. דער מאן דופלעסי העלפט איינפירן פאשיזם אין קאנאדע. זיין פארטיי, די אוניאָן נאסיאָנאל, איז פול מיט אנערקענטע

פאשיסטן. דופלעסי אליין האט אויסגעטיילט זייער וויכטיקע אמטן אין זיין רעגירונג צו באוואוסטע פאשיסטן.

די טעטיקייט פון די פארשיידענע פאשיסטישע גרופן אין דער פראָ־



Le judaïsme et sa culpabilité.

Le général Oulinge devant à la presse.

Les chiffres des centrales pour les pickpockets

Les fraudeurs de profession.

Le domaine principal des Juifs c'est le trafic des stupéfiants.

La tricherie et les jeux de hasard interdits sont le principal domaine de l'activité des Juifs.

Le comité de la société «Fichte Bund». Fondée en janvier 1914. Établie à Hambourg, Hamburger Hof.

דופלעסי האט ניט לאנג צוריק דערקלערט פאר א רעפארטער פון דער טאראנטער „סטאר“, אז קיין אויסלענדישע פאשיסטישע ליטעראטור ווערט ניט פארשפרייט אין קוויבעק. דא ווערט געוויזן א קאפיע פון דער גרויסער צאל ליפלעטס, געדרוקט אין דייטשלאנד, ארויסגעגעבן פון דעם „פיכטע בונד“ און וועלכע ווערן פארשפרייט פון ארקאנ'ס ארגאניזאציע

ווינץ קוויבעק ווערט צענטראליזירט דורך א געהיימער ארגאניזאציע, צו וועל־כער עם געהערן א צאל קאבינעט־מיניסטארן פון דער פראָווינציעלער רעגי־

רונג. די געהיימע אָרגאַניזאַציע הייסט — „ריטער פון זשאַק קאַרטיע".

באַנאַ דאַסאַל, מיניסטער פון אַגריקולטור; דזש. באָרק, מיניסטער פון געזונטשאַפטלעכע אַרבעטן; אָנעסים גאַגאָ, מיניסטער פון מינען און פישערײַ און זשאָזעף בילאָדאַ, מיניסטער פון האַנדל און מוניציפּאַלע ענינים — אַלע די מיניסטאָרן פון דופּלעסיס קאַבינעט זײַנען אַזוי-גערופענע „ריטער" און אַקטיווע מיטגלידער פון דער געהיימער פאַשיסטישער אָרגאַניזאַציע — „ריטער פון זשאַק קאַרטיע".

אָט-די אָרגאַניזאַציע איז אַזוי-צו-זאָגן דער מאַרך-טראַסט און דער קאָאָרדינאַטאָר פון אַלע פאַשיסטישע און רעאַקציאָנערע באַוועגונגען אין דער פּראָווינץ קוויבעק. די אָרגאַניזאַציע האָט פאַרבינדונגען מיט אַנדערע טיילן פון קאַנאַדע און אויך מיט בערלין און רוים.

אָט איז אַן אויסצוג פון אַ קאָנפידענציעלן דאָקומענט, וואָס די „ריטער" האָבן אַרויסגעגעבן:

„מיר דאַרפן איינזען די קיום, מיט וועלכער אונזערע גרופּן רינגלען אַרום צענטראַל-אָנטעריאָ. אָט-די קיום וועט אין דער נאָענטער צוקונפט דערוווערגן אַלע די וואָס שטעלן זיך קעגן פראַנצויזישער דאָמינירונג.

„אונזערע פראַנצויזישע מאַסן, באַזונדערס אינם צאָפן קאָנען דורך זייער וואַגיקן דרוק אויפן צענטער און אויפן דרום פון אויבער-קאַנאַדע שאַפן אַ שפּאַלטונג מיטן ציל צו באַשאַפן אַ נייע פּראָווינץ מיט אַ גרויסער פראַנצויזישער מערהייט".

פאַנטאַסטיש? יאָ. פּונקט אַזוי פאַנטאַסטיש איז געווען היטלער'ס אַריינמאַרש אין דעם ריינלאַנד; אַזוי איז געווען זיין סטראַשונאַק אַריינצו-מאַרשירן אין עסטרייך; אַזוי איז געווען מוסאָליני'ס סטראַשונאַק אַריינצודרינגען אין עטיאָפּיע און אין שפּאַניע. יאָ, פאַשיזם איז פאַנטאַסטיש, ער איז אָבער גאַנץ רעאַליסטיש, לאָמיר נאָר אַריינקוקן אין דעם ענין אַביסל טיפער און מיר וועלן זיך פולשטענדיק איבערצייגן.

די פאַשיסטישע פאַרשווערער, וויסנדיק, אַז די דעמאָקראַטישע כּוחות אין אָנטעריאָ און אין מערב-קאַנאַדע וועלן שטערן זייערע פּלענער, האָבן זיי, די פאַשיסטישע פאַרעטער, אַלס אַ לעצטן מיטל, צו פּרואוון אויפשטעלן אַ פאַשיסטישן שטאַט אין קוויבעק און אין אַנדערע געגנטן אין אָנטעריאָ, וואו זיי האָפן צו געווינען אויף זייער זייט די פראַנצויזיש-קאַנאַדישע באַפעלקערונג.

● רעגירונג-באַאַמטע שטיצן מוסאָליני'ן

כאָטש די מיניסטאָרן פון דופּלעסי'ס קאַבינעט האָבן אַליין נאָך נישט גערעדט אָפן אַלס פאַשיסטן, זײַנען אָבער פאַראַן אַסאַך אינם פּראָווינציעלן רעגירונג-אַפּאַראַט, וועלכע באַהאַלטן נישט זייער פאַשיסטישע אָנגעהעריקייט. מוסטערן פון דעם זײַנען: אַדריען אַרקאַן, דער קאַנאַדער „פירער", וועלכער איז אויך רעדאַקטאָר פון דופּלעסי'ס צייטונג „ל'אילוסטראַסיאָן נאָוועל", און מאַריאָ דוליאַני, איל דוטשע'ס אַגענט אין קאַנאַדע, וועלכער איז דער רעדאַקטאָר איבער אויסלענדישע ענינים אין דער זעלבער צייטונג. אָבער מער

אויסגעשפּראָכן פון די אַלע פאַשיסטן, וואָס זיינען פאַרבונדן מיט דופּלעסי'ס אַדמיניסטראַציע, איז ווילער דיופּאָן, דער סעקרעטאַר פון דעם פּראָווינציעלן מיניסטער פון האַנדל און מוניציפּאַלע ענינים, זשאָזעף בילאָדאָ.

דיופּאָן האָט געהאַלטן אַ רעדע דעצעמבער 1־טן, 1937, און פון דער רעדע קאָן מען זען וואָס פאַר אַ טיפּן מענטשן זיינען אוועקגעשטעלט געוואָרן אין רעגירונגס־אַמטן אין דער פּראָווינץ קוויבעק. זיין רעדע איז איינע פון די סאַמע דערשטוינענדיקע, וואָס אַ רעגירונגס־באַאַמטער האָט ווען ניט איז געמאַכט. ער האָט געזאָגט:

„ווי אַזעלכע וואָס שטאַמען פון דער פראַנצויזישער ראַסע געהערן מיר צו דער גרויסער לאַטיינישער ראַסע. אויף אַן אומבאַשטרייטבאַרן אופן הויבט מוסאָליני אויף די לאַטיינישע ראַסע און ער מאַכט מעגלעך פאַר לאַטייניטשקייט צוריקצוקריגן איר אַנטשיידנדיקע ראָלע.... די דעראָבערונג פון עטיאָפּיע אילוסטרירט זייער גוט זיינע אייגנשאַפטן.

„איינער אַליין, צינדט ער אָן זיין פאָלק, מאָביליזירט ער אַ מיליאָן מענטשן.

„ענגלאַנד — די דאָזיקע סוחרים און קלעריקאַלן ווילן פאַרבלאָקירן זיין וועג. קאַלטבלוטיק, אָרגאַניזירט מוסאָליני אַ ווידערשטאַנד... אַ לופט־פלאָט פון אַ טויזנט עראָפּלאַנען מיט אַ באַפעל צו באָמבאַרדירן, ביי זיין ערשטן סיגנאַל, דעם פלאָט פון שטאָלצן אַלביאָן.

„אַלס שטיצע פאַר זיינע פליער, בויט ער אויף דריי הונדערט צעשטערער־שיפן, וועלכע ער שיקט דרייסט אַרויס צו באַגעגנען די ענגלישע שיפן.

„ענגלאַנד האָט ניט גענומען קיין שטעלונג. עס איז אַ מאָדערנע היסטאָרישע דאַטע. פאַרגעסט עס ניט! עס איז דער ערשטער אינטערנאַציאָנאַלער צוריקטריט פון דער מוטער ענגלאַנד. דער בריטישער לייב האָט זינט דאַן אַ רעווע געטאָן, זיין קאָפּ אַראָפּגעלאָזט, זיין עק צווישן די פיס. ער האָט זיך אומגעקערט צו זיין לאָך. בעת אָט־דעם צוריקטריט מצד לאָנדאָן, פאַרנעמט מוסאָליני עטיאָפּיע אין אַכט מאָנאַטן.

„ענגלאַנד ראַטעוועט דעם נעגוס (קעניג פון עטיאָפּיע), זיינע אוצרות און זיין שירעם. די אַרציבישאָפן פון וועסטמינסטער און יאָרק מיאוקען, און די אַלטע ענגלישע מוידן, פאַרטריקנטע מאָראַליש און פיזיש, קלאָגן נעבעך אויף דעם גורל פון עטיאָפּיע, דער שיצלינג פון דער פעלקער־ליגע, די ראָגאָזשע ביי דער טיר, אָן וועלכער עס ווישן זיך אָפּ זייערע פיס אַלע שמאַלקעפּיקע פאַרטיידיקער פון דער צעפוילטער דעמאָקראַטיע, וועלכע איז פריי־מויעריש, ניט־מענטשלעך און פולשטענדיק נאַריש.

„אין שפּאַניע שפּילט איצט דער דוטשע אַ שווערע ראָלע, אַן אָנגעשטרענגטע און זייער בריליאַנטענע ראָלע. עס קוקט מיר אויס אַז די שפּאַנישע נאַציאָנאַליסטן און פראַנציסקאָ פראַנקאָ זיינען אים שולדיק אַ גרויסן טייל פון זייער דערפאָלג".

צווישן די פּאַרזאַמלטע, וואָס האָבן אפּלאָדירט מר. דיופּאַנ׳ס דער־קלערונגען זיינען געווען דזש. ע. לאַפּאָרס, דעפּיוטי־מיניסטער פון קאָלאָני־זאַציע, דר. פעליקס ראַי, מיטגליד פון קוויבעקער פּאַרלאַמענט פון מאָנטמאָ־רענסי, פּיער בערטראַן, פּאַרלאַמענט־מיטגליד פון סט. סאָוועיר, אייניקע מיט־גלידער פונם שטאָט־קאָונסיל אין קוויבעק און עטלעכע רעגירונגס־באַאַמטע, וואָס זייערע נעמען ווערן נישט אָנגעגעבן.

● פאַשיסטישע וואַל־זיגן

לעצטנס האָט די וואַל־מאַשין פון דער „אוניאָן נאַסיאָנאַל" דערוויילט צוויי מיטגלידער אין דעם שטאָט־קאָונסיל און דעם מעיאָר פון דעם קוויבע־קער שטעטל סאָרעל. נאָך דעם ווי זיי זיינען דערוויילט געוואָרן האָבן זיי אָפן דערקלערט, אַז זיי זיינען פאַשיסטן און מיטגלידער פון ארקאַנ׳ס פּאַרטיי. א מאַסן־מיטינג איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אינם סיטי האָל, ביי וועלכן ארקאַן איז געווען דער הויפּט־רעדנער און דר. לאַמבערט אלס א צווייטער רעדנער. ארקאַן האָט פּרעזענטירט דעם מעיאָר פון סאָרעל מיט א שפּיגל, אויף וועל־כן עס איז אויסגעמאָלט א סוואַסטיקאַ. און דער שפּיגל דעקאָרירט איצט דעם סאָרעלער סיטי האָל!

● דופּלעסי לייגט אויס דעם וועג

דופּלעסי׳ס אָנווענדונג פונם פּעדלאָק־געזעץ איז פּשוט א מיטל אויס־גערעכנט צו אויסלייגן דעם וועג פאַר פאַשיסטישער הערשאַפט אין קוויבעק. דער פּעדלאָק־געזעץ פאַרדאַמט אַלץ וואָס איז דעמאָקראַטיש אלס „באָלשע־וויסטיש", פּונקט ווי עס טוען די הערן היטלער און מוסאָליני. דער פּעדלאָק־געזעץ איז דאָס סאַמע אויטאָקראַטישע שטיק געזעצגעבונג, וואָס איז ווען ניט איז אָנגענומען געוואָרן אין דער בריטישער אימפּעריע. דער געזעץ גיט דעם אַטוירני־דזשענעראַל (אין קוויבעק איז עס דופּלעסי אַליין) די מאַכט צו באַפּעלן דאָס פאַרשליסן פון יעדער הויז אָדער האָל, וואָס ער קען דיינקען, אַז זי ווערט גענוצט פאַר „קאָמוניסטישע אָדער באָלשעוויסטישער פּראָפּאַ־גאַנדע".

דופּלעסי קאָן פּערזענלעך באַפעלן צו אונטערזוכן יעדע הויז און קאָנ־פיסקירן די געפונענע ביכער. ער קאָן אַליין דערקלערן א מענטשן שולדיק און דער פּערזאָן האָט נישט קיין צוטריט צו די געריכטן צו באַווייזן זיין אומשולד. די טראַדיציע פון בריטישן געזעץ, אונטער וועלכן א מענטש איז אומשולדיק ביז ער ווערט נישט געפונען שולדיק פון דעם געריכט, ווערט גע־טראָטן מיט די פיס און אָפּגעווישט מיט איין מאָל דורך דעם פּעדלאָק־געזעץ.

דער ווירקלעכער ציל פון דופּלעסי׳ס אָנווענדונג פונם פּעדלאָק געזעץ ווערט קלאָר פון דעם פאַקט, וואָס אַנדערע אַנטי־אַרבעטער געזעצן זיינען אָנ־גענומען געוואָרן באַלד נאָכן פּעדלאָק־געזעץ. די געזעצן וועגן קאָלעקטיווע אַרבעט־אָפּמאַכן זיינען צעקריפּלט געוואָרן דורך דעם וואָס עס ווערט פריער צוגעגעבן, אַז בלויז לעגיטימע, אָנערקענטע יוניאָנס (וואָס דופּלעסי הייסט גוט) קאָנען אַריינטרעטן אין אַזעלכע אָפּמאַכן. די איינפירונג פון די בילס

19 און 20 בארויבט די ארבעטער פון די רעכט צו א פארמאכטן שאפּ און גיט אזוי ארום די פולמאכט צו דעם אונטערנעמער אריינצוברייננען אין זיין פאבריק וועמען ער וויל אויסער די רייען פון דער טרייד יוניאָן, בכדי ארונ־טערדריקן די שכירות פון די ארבעטער.

העפּבוירנס רעאקציאָנערע פּראָגראם, דיקטירט פון גרויס־קאפּיטאַל, ווי עס זעט זי דער קארטוניסט אַ ו ו ר א ם

● אויך העפּבוירן ליגט אויס דעם וועג

קוויבעק איז נישט די איינציקע פּראָווינץ אין קאנאדע, וואו דער פונ־דאמענט פון דעמאָקראטיע — די טרייד יוניאָנס — ווערט פארניכטעט. די

קענגערשאפט פון פרעמיער העפבוירן פון אָנטעריאָ צו דער סי. אי. אָ., צו־גונסטן די אויטאָמאָביל, גאָלד און לאָמבער בארָאָנען, איז א טייל פון דעם זעלבן קאמפיין פון די פינאנסירן צו שטערן דער אָרגאניזירונג פון די אר־בעטער.

העפבוירן האָט געשיקט ספּעציעלע גרופּן כוליגאנעס צו אטאקירן ארבעטער, וועלכע האָבן זיך גענומען אָרגאניזירן, כדי צו קאָנען לעבן ווי פריע מענטשן. העפבוירנ'ס מיטארבעט מיט די גאָלד־בארָאָנען אין דער אויפהאלטונג פון גאנצע באנדעס פארברעכער, אז זיי זאָלן שפּיאָנירן אויף די ארבעטער אין די מינען און נישט דערלאָזן אז זיי זאָלן אריינטרעטן אין טרייד־יוניאָנס; זיין מיטארבעט מיט דופּלעסי'ן, פארשטארקנדיק דערמיט די כוחות פון די רעאקציאָנערע פינאנסירן, וועלכע זיינען קעגן און זיי באַ־קעמפן טרייד יוניאָן אָרגאניזאציע, פעדעראלע סאָציאלע געזעצגעבונג און די איינקייט פון דעם קאנאדער פאָלק — דאָס זיינען שריט וואָס פירן צו דער שטופנווייזער פארניכטונג פון דעמאָקראטיע און לייגן אויס דעם וועג צום פאשיזם.

ארקאן שטעלט אוועק די פראגע מיט איבערראשנדיקער אָפנהארציקייט, ווען ער זאָגט:

„דופּלעסי און העפבוירן זיינען די פארלויפער פון פאשיזם. מיר זיינען גליקלעך צו האָבן ביי היינט־צו־טאָג אין צוויי שליסל־אמטן אזעלכע מענטשן, אונטער וועלכע מיר קאָנען אוועקלייגן דעם פונדאמענט פאר אונזער ענדגילטיקן זיג..." (אין אן אינטערוויו מיט דאנקאן אינקמאן, געוועזענער וואשינגטאָנער קאָרעספּאָנדענט פון דער „ניו יאָרק טיימס", איצט אויפן סטעף פון דער „ניו יאָרק פּאָסט").

אָבער ארקאן און די כוחות פון רעאקציע האָבן נאָך אסך אנדערע אונטערשטיצער אין הויכע פּאָזיציעס. קאָל. דזשאָרדזש א. דריו איז איינער וואָס ארבעט פאר א בונד מיט העפבוירן אין אָנטעריאָ און פאר א נאציאָנא־לער רעגירונג אין קאנאדע, וועלכע זאָל אויספלאסטערן דעם וועג פארן פא־שיזם. דריו פאָרט ארום פון איין פּלאַץ צום אנדערן און אונטערן צודעק פון באשיצן דעמאָקראטיע, פארלוימדעט ער אויפן ווילדסטן שטייגער אלע אמת'ע דעמאָקראטן. מר. דריו איז דער ערן־פּרעזידענט פון דער „קענעדיען יוניטי ליג" — אן אָרגאניזאציע, וואָס ווערט פינאנסירט דורך דער „אינטער־נעשאָנאל ניקל קאָ." מיטן ציל צו באקעמפן די אָרגאניזירונג פון טרייד יו־ניאָנס. אזעלכע אנטי־ארבעטער אָרגאניזאציע, אונטער פארשיידענע נעמען, עקזיסטירן איבערן גאנצן לאנד און זיי זיינען ענג פארבונדן מיט דער פא־שיסטישער באוועגונג.

פאשיסטישע פארשווערער אין קאנאדע אויפן שטייגער פון די קאָגולארן אין פראנקרייך

מיט דער דערמוטיקונג פון דופּלעסי און העפבוירן, מיט דער פינאנ־ציעלער און אנדערער שטיצע פון היטלער'ן און מוסאָליני'ן, גרייטן זיך די

קאנאדער פאשיסטן פאר דעם טאָג ווען זיי האָפן צו הערשן איבער קאנאדע. זיי ווייסן, אז די קאנאדער פאָלקס־מאסן האָבן פיינט דעם פאשיזם, אָבער זיי קלייבן־אָן געווער צו צווינגען די מאסן ליב־צו־האָבן דעם פאשיזם.

ווען די פאָלקס־רעגירונג אין פראנקרייך האָט אָנגעהויבן אונטערזוכן די אקטיוויטעטן פון די פאשיסטישע אגענטן אין יענעם לאנד, זיינען אויס־געפונען געוואָרן געהיימע קעלערס מיט געווער גרויס גענוג צו באזאָרגן א גוט־אָרגאניזירטע ארמיי. דאָס פראנצויזישע פאָלק איז אויפגעטרייסלט געוואָ־רן פון די דאָזיקע אויפדעקונגען און די וועלט האָט זיך צוגעקוקט מיט דער־שטוינונג.

נישט וועלנדיק זיין סענסאציאָנעל קאָן מען מיט זיכערקייט זאָגן, אז א פעדעראלע אונטערזוכונג פון די אקטיוויטעטן פון די פאשיסטן אין קוויי־בעק, וואָלט געפירט צו ענלעכע אויפדעקונגען. די בסדר׳דיקע באריכטן וועגן געהיימע זאפאסן פון מאשין־ביקסן און אמוניציע איבער דער פראָווינץ קוויי־בעק, מאכן נויטיק אזא אונטערזוכונג.

גרויס־מויליקע מיטגלידער פון ארקאנ׳ס פארטיי האָבן זיך גאנץ אָפן בארימט, אז זיי האָבן פארבאהאלטן זאפאסן מאשין־ביקסן און אנדערע גע־ווער און אז די קוויבעקער פאָליציי וועט זיי קיינמאָל נישט באקעמפן, ווייל עס זיינען פאראן צופיל פאשיסטן צווישן דער קוויבעקער פאָליציי.

● וואָס דארפן מיר טאָן וועגן דעם?

די כוחות אין קאנאדע, וואָס זיינען גרייט צו קעמפן פאר דער אייני־היטונג פון דעמאָקראטיע און פאר דער צעשטערונג פון די פאשיסטישע כוחות זיינען באמת מעכטיק. מען קאָן אָט־די כוחות געפינען צווישן די מיטגלידער פון אלע עקזיסטירנדיקע פאָליטישע פארטייען, צווישן אלע נאַ־ציאָנאליטעטן. די אָרגאניזירטע ארבעטערשאפט האָט שוין מער ווי ביי איין געלעגנהייט פארדאמט די פאשיסטישע אָרגאניזאציעס.

די פראנצויזיש־קאנאדער ווילן נישט קיין פאשיזם אָדער קאָרפּאָ־ראטיזם, נישט מער ווי די ענגלישע קאנאדער. די ארקאנס, די דופּלעסיס, די הויך־שרייענדיקע גרופּן פאשיסטן צווישן די סטודענטן, די איטאַליענישע און דייטשע אגענטן — זיי אלע פארטרעטן נישט די ווירקלעכע סענטימענטן פון די פראנצויזישע קאנאדער. וואָלט דופּלעסי געווען געזאָגט די מאסן אין קוויי־בעק, אז ער האָט בעדייע אָנצואווענדן דעם פראָ־פאשיסטישן פּעדלאָק־געזעץ, אז ער וועט פארניכטן די רעכט פון די ארבעטער צו „קאָלעקטיוו־בארגעינינג" און פרייהייט פון אָרגאניזאציע, אז ער וועט אוועקשטעלן פאשיסטן אין פּי־רנדיקע רעגירונגס־אמטן, וואָלט ער קיינמאָל נישט געווען געוואונען די שטי־מען פון די קוויבעקער מאסן.

דאָס זעלבע קאָן מען זאָגן וועגן אָנטעריאָ. וואָלטן די מאסן אין אָנ־טעריאָ געווען צוריק דערוויילט מיטשעל העפּבורן אין מאכט, אויב ער זאָל זיי געווען זאָגן, אז ער וועט זיך פארקויפן צו די מאגנאטן פון עלעקטרישער

קראפט און ער וועט שאפן א בונד מיט דעם ערגסטן אנטי־קאנאדער, דופּ־לעסי? געוויס ניט!

פאשיזם איז אנטי־קאנאדיש און די קאנאדער האסן אים. אָבער אָט־דער האס מוז געפינען אן אויסדרוק אין א מעכטיקן דעמאָקראטישן פראָנט, פאָדערנדיק אן עפנטלעכע אונטערזוכונג פון אלע פאָרמען פון פאשיסטישע אקטיוויטעט און אירע קאנאדישע און אויסלענדישע אונטערשטיצער און דערמוטיקער. מען דארף פאָדערן די אנולירונג פון דעם פעדלאָק־געזעץ; איינ־פירן געזעצגעבונג, וואָס דערקלערט פאר א פארברעכן די פארשפּרייטונג פון ראסן־האס; באזייטיקן פאשיסטישע מיטגלידער און סימפּאטיקער פון די פאשיסטן פון דער שטאָטישער, פראָווינציעלער און פעדעראלער פּאָליציי, אזוי גוט ווי פון די מיליטער־אָפּטיילונגען; אלע אופנים פון הילף און קאָאָפּע־ראציע צו די דעמאָקראטישע כוחות איבער דער גאנצער וועלט, וועלכע קעמ־פן קעגן פאשיסטישער אגרעסיע אין שפּאניע, כינע און אין אנדערע לענ־דער — דאָס זיינען די מיטלען וואָס מוזן באלד און ענערגיש אָנגעווענדעט ווערן, אויב די קאנאדער פאָלקס־מאסן זאָלן אָפּגעראטעוועט ווערן פון די צרות, וואָס עס מאכן דורך זייערע ליידנדיקע ברידער אין נאצי־דייטשלאנד, פאשיסטישער איטאליע, פראנקאָ־שפּאניע און עסטרייך.

באלדיקע אקציע איז דרינגענד נויטיק!

די געפאַר פאַר די אידן

(ספעציעלע ביילאגע וועגן די אויפגאבן פאר די אידישע מאסן אין קאנאדע)

פון ה. גוראַלניק

עס איז, דאכט זיך, נישט נויטיק צו באווייזן, וואָס פאר א געפאַר דער פאשיזם איז פאר די אידישע מאסן. די נייע כוואַליע פון אויסראָטונג, וואָס פארפלייצט איצט דאָס לעבן פון די איבערגעבליבענע אידן אין דייטשלאַנד און עסטרייך; די שוידער־פּראָפּאגאנדע, וואָס היטלער׳ס און מוסאָליני׳ס אגענטן פארשפרייטן קעגן די אידן אין קאנאדע — דאָס איז גענוג צו איבערציינגן די קאנאדער אידן, אז דער פאשיזם איז זייער שרעקלעכסטער און בלוטיקסטער שונא.

קעגן אָט־דעם שונא דארפן די אידישע מאסן זיין פאראייניקט און אקטיוו. דאָס איז קלאָר. עס איז אויך פארשטענדלעך, אז די אריבער 160 טויזנט אידן אין קאנאדע קאָנען נישט אליין, אָפּגעזונדערט פון די ניט־אידישע פּראָגרעסיווע און דעמאָקראטישע באוועגונגען, באזיגן דעם פאשיזם־אנטיסעמיטיזם אין קאנאדע. די אידישע מאסן, פאראייניקט ארום א פּראָגראם פון ברייטער און אָפענער אקציע קעגן פאשיזם און אנטיסעמיטיזם, דארפן געפינען פריינט און פארבינדעטע און צוזאמען מיט זיי טרייבן פאָרויס דעם קאמף קעגן דעם שונא פון דער גאנצער פּראָגרעסיווער מענטשהייט — קעגן דעם פאשיזם און זיין אנטיסעמיטישער, אנטי־דעמאָקראטישער פּראָגראם.

● די אידן האָבן אסך פריינט

פונקט ווי די פאשיסטן זיינען אנטיסעמיטיש, אזוי זיינען די קעגנער פון פאשיזם אויך קעגנער פון אנטיסעמיטיזם און פון יעדן אנדערן אויסדרוק פון ראסן־האס און נאציאָנאלער פארפאָלגונג. א מעכטיקע באוועגונג לעבט און אנטוויקלט זיך אין קאנאדע קעגן פאשיזם. אָט־דער דעמאָקראטישער פּראָגרעסיווער געזעלשאפטלעכער שטראָם ציט זיך פון פארשיידענע ריכטונגען און נעמט ארום די פארשיידנסטע שיכטן פון דער קאנאדער באפעלקערונג.

די טרייד יוניאָן באוועגונג אין קאנאדע; די פארטייען פון די קאנאדער ארבעטער און פארמער — די סי. סי. עף, די קאָמוניסטישע פארטיי, די אינד. לייבאָר פארטיי און די אָרגאניזירטע אָרימע פארמער־שיכטן; די מעכטיקע פּראָגרעסיווע יוגנט־באוועגונג, וואָס איז פאראייניקט אין דעם קאנאדער יוגנט־קאָנגרעס; די ליגע פאר פרידן און דעמאָקראטיע און די עלעמענטן וואָס ארבעטן צוהילף דער דעמאָקראטישער שפאניע און כינע; באדייטנדיקע שיכטן פון דער קאנאדער קירך, פון דער קאנאדער אינטעליגענץ און פּראָפעסיאָנאַלער וועלט; די פּראָגרעסיווע באוועגונגען צווישן די נאציאָנאלע מינדערהייט־

גרופּן אין לאַנד — דאָס זיינען די כוחות, וואָס אַרבעטן יעדער איינער אויף זיין שטייגער און אין אַ פאַרשיידענער מאָס קעגן די כוחות פון פאַשיזם, פאַר דעמאָקראַטישע רעכט, פאַר נאַציאָנאַלער פריינטשאַפט, פאַר פּראָגרעס. אין זיי געפינען די אידן זייערע פריינט און פאַרבינדעטע. צוזאַמען מיט זיי דאַרפן די אידן פירן דעם אָפענעם קאַמף קעגן דעם פאַשיסטישן שונא.

עס דאַרף זיין קלאָר פאַר די אידן, אַז אָן דעם קאַמף קעגן פאַשיזם וועט מען דעם אַנטיסעמיטיזם נישט אויסראָטן און אפילו נישט קענען דער־פאָלגרייך קעגנווירקן. זיך אָפּזאָגן פון אַקטיוון קאַמף קעגן פאַשיזם, מיינט אָפּשוואַכן דעם קאַמף קעגן אַנטיסעמיטיזם.

עס דאַרף אויך זיין קלאָר, אַז בכדי די אידן זאָלן קענען קריגן די שטיצע פון זייערע מעכטיקע פריינט, דאַרפן זיי אַליין זיין פאַרייניקט און אַק־טיוו און דורך זייערע אָפענע און ענערגישע מאַסן־אַקציעס העלפן אָרגאַניזירן די ברייטע עפנטלעכע מיינונג, באַאיינפלוסן די רעגירונגס־קרייזן און פאַר־כאַפּן דאָס אויג און דעם מוח פון דער דעמאָקראַטישער קאַנאַדער געזעלשאַפט־לעכקייט פאַר דעם קאַמף קעגן די פאַשיסטן־אַנטיסעמיטן, אַריינציִען די אויפ־געוועקטע און אָרגאַניזירטע כוחות פון די אידישע מאַסן אינעם אַלגעמיינעם מעכטיקן אַנטי־פאַשיסטישן און דעמאָקראַטישן שטראָם — דאָס איז די אויפגאַבע פון יעדן אידן, אין דעם ליגט די האָפענונג און די רעטונג פאַר די אידן גופא.

אידן זיינען מוטיקע קעמפער קעגן פאַשיזם

דער קאַמף פון די אידישע מאַסן קעגן פאַשיזם און אַנטיסעמיטיזם קריגט זיין אויסדרוק אין דער טעטיקייט פון פאַרשיידענע אידישע און אַלגע־מיינע באַוועגונגען און אָגענטורן. טויזנטער אידישע אַרבעטער אין די טרייד יוניאָנס באַטייליקן זיך אין דער אַנטי־פאַשיסטישער טעטיקייט פון דער טרייד יוניאָן באַוועגונג. גרויסע טיילן פון די אידישע מאַסן באַטייליקן זיך אין די פאַרשיידענע הילף־אַקציעס לטובת פון סאָוויעטן־פאַרבאַנד, שפּאַניע און כינע. אַ צאָל אי־דישע אַרבעטער פון קאַנאַדע געפינען זיך איצט אויף די שלאַכט־פעלדער פון שפּאַניע, קעמפנדיק אין די רייען פונם מעקענזי־פּאַפּעניו באַטאַליאָן קעגן דעם בלוטיקן אָנגריף פון דייטשן און איטאַליענישן פאַשיזם. אייניקע פון זיי האָבן שוין געבראַכט דעם העכסטן קרבן, וואָס אַ מענטש קאָן נאָר ברייג־נען — זיי האָבן שוין אַוועקגעגעבן זייער לעבן אין דעם קאַמף.

אַ גרויסער טייל פון די אידישע פּראָפעסיאָנאַלן — דאָקטוירים, לאָ־יערס און אַנדערע פאַרשטייער פון דער אידישער אינטעליגענץ — באַטיי־ליקט זיך אַקטיוו אין דער באַוועגונג פון דער קאַנאַדער ליגע פאַר פרידן און דעמאָקראַטיע, אין דער מעכטיקער קאָנגרעס־באַוועגונג פון דער קאַנאַדער יוגנט און אין דער אַנטי־פאַשיסטישע טעטיקייט פון די אַרבעטער־פּאַרטיי־ען און ריכטונגען. עס איז נאַטירלעך, אַז די אידן זאָלן זיין טיף פאַראינטע־רעסירט אינם דערפאָלג פון אָט־די אַלע פּראָגרעסיווע באַוועגונגען, ווייל זיי

ווילן זיין און זיי זיינען א טייל פון זיי און זיי ווילן גאָר נישט אויסבאַ־האַלטן דעם דאָזיקן דערפּרייענדיקן פאַקט.

● אייניקייט צווישן די אידן מעגלעך און נויטיק

עס איז זייער באַדויערנסווערט וואָס אייניקע פירער אינם אידישן לע־בן ווילן זיך נישט צוהערן צו דעם טיפן באַגער פון די אידישע מאַסן פאַר אייניקייט און אָפענע ברייטע אַקציעס קעגן פאַשיזם און אַנטיסעמיטיזם. נישט קוקנדיק געפינען באַפרידיקונג אין דער אַרבעט פון דעם אידישן קאָנ־גרעס, האָבן די אידישע אַרבעטער און פאָלקס־מענטשן גענומען בויען אַנ־דערע אָרגאַניזאַציעס און קערפּערשאַפטן, וואו מען רעכנט זיך מיט זייער ווילן און וואו זיי, די אידישע מאַסן־מענטשן, באַשטימען דעם גאַנג און דעם כאַראַקטער פונם קאַמף קעגן פאַשיזם און אַנטיסעמיטיזם. אַזוי איז אויפ־געקומען די באַוועגונג פון דער איצטיקער אידישער ליגע קעגן פאַשיזם און אַנטיסעמיטיזם אין וויניפּעג, דער אידישער פאָלקס־קאָמיטעט אין מאָנטרעאָל און גאָר לעצטנס דער אידישער פאָלקס־קאָמיטעט אין טאָראָנטאָ. דאָס זיי־נען באַוועגונגען, אין וועלכע עס באַטייליקן זיך דירעקט צענדליקער אידישע פאָלקס־אָרגאַניזאַציעס, טרייד יוניאָנס און גאַנץ איינפלוסרייכע טיילן פון דער אידישער אינטעליגענץ. עס איז א באַוועגונג פון די מאַסן, וואָס די נויטן פון דעם קאַמף קעגן פאַשיזם און אַנטיסעמיטיזם האָבן אַרויסגערופן צום לעבן.

די אידישע מאַסן גלויבן נישט אין שתדלנות אלס אן אָנגענומענע פּאָליטיק. זיי ווילן אויך נישט האַלטן בסוד זייערע האַנדלונגען קעגן אַנטי־סעמיטן און פאַשיסטן. זיי האָבן גאָרנישט מיט וואָס צו שעמען זיך און גאָר־נישט פאַר וואָס צו פאַרענטפערן זיך. זיי ווילן, אַז קערפּערשאַפטן און אָרגאַ־ניזאַציעס וואָס רעדן אין זייער נאָמען זאָלן זיך אָנפרעגן ביי זיי און זאָלן זוכן וועגן און מיטלען ווי אַזוי צו פאַרייניקן אַלע שיכטן פונם אידישן פאָלק. די אידישע פאָלקס־מאַסן ווילן אָפענע און ברייטע אַקציעס. דעריבער האָט דער אידישער קאָנגרעס זיי נישט באַפרידיקט און דעריבער זיינען אויפגעגע־קומען די פאָלקס־באַוועגונגען אין וויניפּעג, מאָנטרעאָל און טאָראָנטאָ.

שאַפן א בעסערע פאַרשטענדיקונג צווישן אָט־די פאַרשידענע אידי־שע קערפּערשאַפטן און באַוועגונגען, קאָאָפּעראַציע און אייניקייט אַרום באַ־שטימטע מאַסן־אַקציעס — דאָס איז דער געבאָט פון טאָג. געפינען א מיטן־וועג, וואו דער אידישער קאָנגרעס און די פאָלקס־קאָמיטעטן זאָלן זיך קענען באַגעגענען און אונטערנעמען געמיינזאַמע אַקציעס — דאָס קאָן און מוז גע־טאָן ווערן. די צעריסנקייט אינם אידישן לעבן דאַרף אָפּגעשאַפן ווערן. די פּראָגרעסיווע צילן פון די אַלע באַוועגונגען דאַרפן קריגן דעם פאָרצוג איבער דער רעאַקציאָנערער אידעאָלאָגיע פון אייניקע אידישע פירער, וועלכע דער־לאָזן נישט צו קיין אייניקייט פון אָט־די קערפּערשאַפטן און באַוועגונגען.

א צאָל פירער און טוער פונם קאַנאַדער אידישן קאָנגרעס, לאָקאַלע און נאַציאָנאַלע, זיינען נישט גרייט צו נעמען אויף זיך די פאַראַנטוואָרטלעכ־קייט פאַר אָט־דער צעריסנקייט אינם אידישן לעבן. זיי ווילן זען א פאַרייניקט

אידנטום און א פּראָגרעסיוון מאַסן־קאַמף קעגן אַנטיסעמיטיזם און פאַשיזם. דאַרפן זיי נישט דערלאָזן, אז דער קאָנגרעס־אַפּאַראַט זאָל גענוצט ווערן צו באַקעמפן און פאַרלוימדן די מאַסן־באַוועגונגען, וועלכע זיינען אויפגעקומען ווי א היסטאָריש־נויטווענדיקע דערשיינונג אינם אַנטי־פאַשיסטישן קאַמף פון די אידישע מאַסן. פאַרקערט, זיי דאַרפן העלפן ארויספירן אויפן וועג פון אָפען נע מאַסן - אַקציעס און קאָאָפּעראַציע מיט אַלע אַנדערע אידישע און ניט־אידישע קערפּערשאַפטן און באַוועגונגען, וועלכע פירן א קאַמף קעגן די כוחות פון פאַשיזם אין קאַנאַדע.

דער קאַנאַדער אידישער פאָלקס־קאָמיטעט

די אויפגעקומענע מאַסן־באַוועגונג אין וויניפּעג, מאָנטרעאָל און טאָראָנטאָ האָבן גענומען שריט צו קאָאָרדינירן זייער טעטיקייט און זיך פאַראייניקן אין אַן אַל־קאַנאַדער קערפּערשאַפט.

דעם 22־טן מאַי, 1938, איז אין טאָראָנטאָ פאָרגעקומען א פאַר־קאָנפערענץ, מיט פאָרשטייער פון די דריי שטעט און עס איז געגרינדעט געוואָרן דער „קאַנאַדער אידישער פאָלקס־קאָמיטעט”. אין אָט־דעם פאָלקס־קאָמיטעט זיינען אָנגעשלאָסן דער פאָלקס־קאָמיטעט קעגן אַנטיסעמיטיזם און ראַסיזם פון מאָנטרעאָל, די אידישע ליגע קעגן פאַשיזם און אַנטיסעמיטיזם פון וויניפּעג און דער פאָלקס קאָמיטעט קעגן אַנטיסעמיטיזם און פאַשיזם פון טאָראָנטאָ.

דער קאַנאַדער אידישער פאָלקס־קאָמיטעט, לויט א באַשלוס פון דער פאַר־קאָנפערענץ, גרייט איצט צו א ברייטע קאָנפערענץ אין אָקטאָבער, וואָס וועט פאָרקומען אין טאָראָנטאָ. צו דער קאָנפערענץ אין אָקטאָבער וועט די אַל־קאַנאַדישע קערפּערשאַפט קומען מיט באַריכטן פון גרויסע אויפטוען אינם קאַמף קעגן אַנטיסעמיטיזם און פאַשיזם. שוין איצט מערקט זיך דער מאַסן־פאַרנעם פון דער ארבעט, וואָס דער קאַנאַדער אידישער פאָלקס־קאָמיטעט האָט אונטערגענומען.

באַזונדערס צייכנט זיך אויס דער פאָלקס־קאָמיטעט אין מאָנטרעאָל, וואו עס געפינט זיך מער ווי א דריטל פון דער גאַנצער אידישער באַפעלקערונג אין קאַנאַדע און וואו דער אַנטיסעמיטיזם און פאַשיזם פאַרמאָגט זיין הויפּט־באַזע. דאָרט האָט דער פאָלקס־קאָמיטעט אריינגעצויגן אין זיין טעטיקייט קעגן אַנטיסעמיטיזם און ראַסן־העצעריי איינפלוסרייכע אידישע און ניט־אידישע געזעלשאַפטלעכע פירער. דאָרט האָט דער פאָלקס־קאָמיטעט דורכגעפירט מאַסן־פאַרזאַמלונגען אינם סאַמע האַרץ פון דער פראַנצויזישער געגענט, ביי וועלכע עס האָבן גערעדט פראַנצויזישע פאָרשטייער פון דער טרייד יוניאָן באַוועגונג, פאָרשטייער פון דער קירך א. ד. ג. דער פאָלקס־קאָמיטעט אין מאָנטרעאָל האָט אָנגעהויבן די באַוועגונג פאַר א פּעטיציע צו דער פעדעראַלער רעגירונג, אז זי זאָל דורכפירן אַן עפנטלעכע אונטערזוכונג פון די נאַצי - אַקטיוויטעטן אין קאַנאַדע און זאָל דערקלערן ראַסן־העצעס פאַר א פאַרברעכן. א וואונדערבאַרער רעקאָרד פאַר אַזאַ קורצער צייט!

די פאַר־קאָנפערענץ האָט אונטערשטיצט די פעטיציע־באַוועגונג פון דעם מאָנטרעאָלער פאָלקס־קאָמיטעט און האָט באַשלאָסן, אז די אקציע זאָל געפירט ווערן איבער גאַנץ קאַנאַדע פון אַלע אָפּטיילונגען פון דעם קאַנאַדער אידישן פאָלקס־קאָמיטעט. דורך די זומער־חדשים, ביז צו דער ברייטער נאַ־ציאָנאַלער קאָנפערענץ אין אָקטאָבער וועלן די קאָמיטעטן אין מאָנטרעאָל, טאָראָנטאָ און וויניפעג — און די ניי־געגרינדעטע קאָמיטעטן אין די קלענערע שטעט אין אָנטעריאָ — אָנפירן די פעטיציע־קאַמפּאַניע, זאמלענדיק טויזנטער אונטערשריפטן פון יחידים און אָרגאַניזאַציעס, אידישע און ניט־אידישע, איבערן גאַנצן לאַנד. אין דער ארבעט פאַר דער פעטיציע, וועלן די קאָמיטעטן אריינדרינגען צווישן די ברייטסטע מאַסן מיט פּראָפּאַגאַנדע קעגן אנטיסעמי־טיזם און פאַשיזם.

די ליגע קעגן פאַשיזם און אנטיסעמיטיזם אין וויניפעג איז די עלטסטע פון די פאָלקס־באַוועגונגען אין די דריי שטעט. זי האָט צו איר קרעדיט א מאַ־סע פּראָפּאַגאַנדע און אָרגאַניזאַציע ארבעט קעגן פאַשיזם און אנטיסעמיטיזם.

די ליגע האָט אויפגעוועקט צו אקטיווער אנטי־פאַשיסטישער טעטי־קייט צענדליקער אידישע און ניט־אידישע אָרגאַניזאַציעס. זי האָט אַרויסגעגעבן צוויי וויכטיקע בראָשורן: איינע אין אידיש („אין קאַמף קעגן פאַשיזם און אנטיסעמיטיזם") און א צווייטע אין ענגליש (די רעדע פון פּראָפעסאָר אָסבאָ־רן וועגן דעם אומרעכט פון אנטיסעמיטיזם). טויזנטער קאָפּיעס פון די צוויי בראָשורן זיינען פארשפּרייט געוואָרן אין וויניפעג און אין צענדליקער אַנדערע שטעטלעך אין מערב־קאַנאַדע. די ליגע האָט ארויסגעגעבן און פארשפּרייט אריבער 30 טויזנט אנטי־נאַצי באָיקאָט־סטעמפּס און צענדליקער טויזנטער באָיקאָט ליפלעטס קעגן נאַצי־דייטשלאַנד און יאַפּאַן.

די באָיקאָט־ארבעט איז אָנגעפירט געוואָרן געמיינזאַם פון דער ליגע און דעם וויניפּעגער טריידס און לייבאָר קאָונסיל.

די ליגע האָט זיך אָפיציעל באַטייליקט אינם וועלט־קאָנגרעס קעגן אנ־טיסעמיטיזם און ראַסיזם, וועלכער איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין סעפּטעמבער 1937 אין פּאַריז. די ליגע האָט דורכגעפירט עטלעכע וויכטיקע קאָנפערענצן און מאַסן־מיטינגען קעגן אנטיסעמיטיזם, לטובת די פּוילישע אידן און לעצ־טנס לטובת די עסטרייכישע אידן. די פירער פון דער ליגע האָבן זיך אקטיוו באַטייליקט אין די צוגרייטונגען פון אזעלכע וויכטיקע קאָנפערענצן, ווי די קאָנפערענץ צו העלפן די פּוילישע אידן און די קאָנפערענץ פאַרן אידישן קאָנגרעס.

די ליגע האָט גענומען די איניציאַטיווע אין איינשטעלן דעם וויניפּע־גער קאָמיטעט צו העלפן דער שפּאַנישער דעמאָקראַטיע, וועלכער האָט אויפ־געטאָן גלענצנדיקע הילף־ארבעט. די ליגע האָט זיך אקטיוו באַטייליקט אין דער ארבעט פון דער קאַנאַדער ליגע פאַר פרידן און דעמאָקראַטיע, אין דער קאַמפּאַניע פאַר דער אָפּשאַפונג פון דעם פּעדלאָק־אקט. די ליגע האָט איינגע־שטעלט א קאָונסיל פון נאַציאָנאַלע מינדערהייט־גרופּן, אין וועלכן עס זיינען פארטראָטן 9 נאַציאָנאַליטעטן. דער קאָונסיל פארשפּרעכט צו טאָן זייער וויכ־

טיקע און נויטיקע ארבעט קעגן פאשיזם צווישן די פארשיידענע נאציאָנאַלע גרופּן. די ליגע האָט געשיקט דעלעגאַציעס צום וויניפּעגער שטאָט־קאָונסיל און צום אטוירני ־ דזשענעראַל מעידזשאָר, פון מאַניטאָבאַ אין דער פראגע פון באָיקאָט און פון אונטערזוכן און צאמען די געפערלעך־אנטיסעמיטישע פּראָ־פּאגאנדע פון די וויניפּעגער נאַצים. דאָס איז אין קורצן דער רעקאָרד פון דער וויניפּעגער ליגע קעגן פאשיזם און אַנטיסעמיטיזם.

דער טאָראָנטער פאָלקס ־ קאָמיטעט כאָטש ער איז ערשט אלט עטלעכע וואָכן האָט שוין באוויזן צו ווערן א וויכטיקער כוח קעגן אנטיסעמיטיזם און פאשיזם אין טאָראָנטאָ. פונקט ווי אין וויניפּעג און אין מאָנטרעאָל ווערט דער טאָראָנטער פאָלקס־קאָמיטעט דער אָרגאַניזאַטאָר און פירער פון אַן אמת׳ער פאָלקס־באַוועגונג קעגן אנטיסעמיטיזם און פאשיזם.

● דעלעגאַציע צו דער פעדעראַלער רעגירונג

דער קאַנאַדער אידישער פאָלקס־קאָמיטעט האָט דעם 15־טן יוני פאָר־געבראַכט פאר א ספּעציעלער קאָמיסיע פון דער פעדעראַלער רעגירונג א מע־מאָראַנדום וועגן דער נויטווענדיקייט אריינצולאָזן פליכטלינגען, אידישע און ניט־אידישע, פון דייטשלאַנד און עסטרייך, אין איינקלאַנג מיט דעם רוף פאר אַן אינטערנאַציאָנאַלער קאָנפערענץ, וואָס די רעגירונג פון די פאראייניק־טע שטאַטן האָט ארויסגעשיקט צו א גרויסער צאָל דעמאָקראַטישע מלוכות. די דעלעגאַציע און איר מעמאָראַנדום איז זייער פריינטלעך אויפגענומען געוואָרן פון דער רעגירונג. די קאַנאַדער פּרעסע האָט זייער גינסטיק קאָמענטירט אויף דעם וויכטיקן שריט פונם פאָלקס־קאָמיטעט.

די העסלעכע שתדלנות־פּאָליטיק איז ארויסגענומען געוואָרן פון דער דאָזיקער וויכטיקער הילף־אקציע און פאר די ברייטע מאסן איז קלאָר געוואָרן, וואו מען האלט אין דער פראגע און וואָס די רעגירונג איז גרייט צו טאָן. דעם דרוק פון די פאשיסטישע און אנדערע רעאקציאָנערע עלעמענטן אויף דער רעגירונג קען מען קעגנווירקן בלויז דורך מאסן־אקציע פון די אידישע און ניט־אידישע דעמאָקראַטישע כוחות אין לאנד. א פראגע וואָס עגבערט דעם מוח און דאָס הארץ פון די אידישע מאסן, א פראגע, אין וועלכער עס זיינען פאראינטערעסירט איינפלוסרייכע ניט־אידישע דעמאָקראַטישע שיכטן — אזא פראגע, וואָס קאָן נישט געהאלטן ווערן בסוד און איז קיינמאָל גאָר קיין סוד נישט געוועזן — דאַרף געשטיצט ווערן אָפן און דרייסט פון אלע הומאַניטאַרי־שע עלעמענטן און דעמאָקראַטן אין קאַנאַדע. אויפן ערשטן פּלאַץ דארפן פאר איר מאָביליזירט ווערן די ברייטסטע אידישע מאַסן.

אָבער פונקט ווי אין יעדער אנדערער פראגע פון באַקעמפן דעם פאַ־שיזם און אנטיסעמיטיזם, אזוי אויך אין דער פראגע פון פליכטלינגען, זיינען אייניקע פירער פונם אידישן קאָנגרעס ארויסגעקומען קעגן מאסן־אקציע און פאר שתדלנות. דאָס איז א שעדלעכע פּאָליטיק, וואָס העלפט אנטוואָפענען און אנטמוטיקן די אידישע מאסן. אזא פּאָליטיק איז קעגן די נויטן פון מאָביליזירן די ברייטע עפנטלעכע מיינונג קעגן אנטיסעמיטיזם און פאשיזם. אזא פּאָלי־

טיק מיינט דורכלאָזן געלעגנהייטן, ווען היטלער און זיין אנטיסעמיטישער רעזשים זאָל קריגן אן עפנטלעכן אינטערנאַציאָנאַלן פּאטש אין פּנים און א שטרענגע וואָרנונג פון אונזער רעגירונג און פון צענדליקער אנדערע רעגי־רונגען, אז גרויסע דעמאָקראַטישע מלוכות און פעלקער זיינען אויף דער זייט פון די אידן און אז ער מוז אָפּשטעלן זיינע בלוטיקע רדיפות און פּאָגראָמען.

א נייעם שטראָם פון לעבן און מוט ברייננגען די פּאָלקס־קאָמיטעטן אריין צווישן די אידישע מאַסן אין קאַנאַדע. זיי ציען צו די אויפמערקזאַמ־קייט און די פריינטשאַפט פון דער ברייטער עפנטלעכקייט. פיל שטאַרקער און ווירקזאַמער וואָלט געווען דער קאַמף קעגן אנטיסעמיטיזם און פאַשיזם, ווען די פארשיידענע קערפּערשאַפטן, ווי דער אידישער קאָנגרעס, די פּאָלקס־קאָמיטעטן און די וויניפּעגער ליגע וואָלטן זיך געאייניקט אויף באַשטימטע אקציעס, אָפּן און מוטיק און אין וועלכע עס זאָלן אריינגעצויגן און אקטיווי־זירט ווערן די ברייטע אידישע מאַסן.

אין דעם גייסט פירן זייער ארבעט די אָפּטיילונגען פונם קאַנאַדער אידישן פּאָלקס־קאָמיטעט. אָפּשאַפן צו־להכעיס־פּאָליטיק, פּאַרבייטן די ביטול־באַציאונג צו דער פּאָלקס־באַוועגונג מצד אייניקע פירער פונם אידישן קאָנ־גרעס מיט פּארשטענדיקונג און פריינטשאַפט פאַר געמיינזאַמער ארבעט, אָפּ־ווישן די ביטערניש און פארהיילן דעם ריס — דאָס איז דער וועג, וואָס די נויטן פון א זיגרייכן קאַמף קעגן פאַשיזם און אנטיסעמיטיזם האָבן אָנגעצ־ייכנט פאַר אלע אמת׳ע דעמאָקראַטישע מענטשן, אידישע און ניט־אידישע.

אויף אָט־דעם וועג, האָפן מיר, וועט ארויפגיין דער אידישער קאָנגרעס. דער קאַמף קעגן דעם פאַשיזם וועט קריגן נייעם אימפּעט און שוואונג. דאָס קאַנאַדער אידנטום און די אנדערע האָרעפּאַשנע טיילן פון דער קאַנאַדער באַ־פעלקערונג וועלן פאַרהיטן ווערן פון דער פאַשיסטישער גרוייזאַמקייט און דער נאַציזם אין קאַנאַדע וועט נישט דערלעבן אויפצוהויבן דעם קאָפּ און ווערן די שוידערלעכע, בלוטיקע ווירקלעכקייט, וואָס איז איצט אין דייטשלאַנד און עסטרייך און ער וויל ווערן אין שפּאַניע, אין די אנדערע לענדער פון אייראָפּע און אין אונזער לאַנד.

אייניקייט, מאַסן־אַקציע, פּראָגרעסיווע אָפּענע און געוואגטע שטעלונ־גען קעגן יעדן אויסדרוק פון פאַשיזם און אנטיסעמיטיזם — דאָס איז דער איינ־ציקער וועג וואָס וועט אונז פירן צום זיג איבער די פארשווערונגען און פּלענער פון די פאַשיסטן און אנטיסעמיטן אין קאַנאַדע.